STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01131

DI FESTUNG

Abraham Sutzkever

Permanent preservation of this book was made possible
by Beverly Franzblau Baker
in memory of
Morris D. Baker

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. סוצקעווער

די פעסטונג

לידער און פּאָעמעס

געשריבן אין ווילנער געטאָ און אין וואַלד 1941 - 1944

איקוף פארלאג

דאָס בוך איז דערשינען

מיט דער הילף פון

פעניע און זכריה גאָלדמאַן

(וואוקיגען, ביי שיקאַגע)

אין אָנדענק פון זייער זון

ליאָ גאָלדמאַן

געבוירן דעם 24טן אָקטאָבער, 1909,

צו זיין 16טן יאָרצייט.

געדרוקט אין 2,500 עקזעמפּליאָרן.

A. SUCKEVER — DI TFISE (Poetry)
Copyright by Yiddisher Kultur Farband (Ykuf), 189 Second Ave.
New York 3, N. Y. 1945. *Printed in U. S. A.* 25

אינהאַלט:

	זייט
נחמן מייזיל — אברהם סוצקעווער (פאָררעדע)	9
אין לעצטן גורל . . .	15
די לערערן מירע	16
דער זקן	19
אין קלויסטער אויף רודניצקער גאַס	21
דער געטאָ־פידלער	23
משה	26
אַ וואָגן שיך	27
פאַרפרוירענע יידן	29
מיין רעטערין	30
דער נביא	32
מיין מאַמע	33
איציק וויטענבערג	38
און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום	43
דערפאַר ווייל כ'האָב געטרונקען ווין	46
אין קאַרצער	47
עקזעקוציע	48
אַ רגע	49
צום חבר	50
איך ליג אין אַ מיטה	51
ווי נאָענט און ווי ווייט	52
צוויי ברידער	54
צו דרייסיק יאָר	56
אַ נעם טאָן דאָס אייזן	59
די פעסטונג	60
די בלייענע פלאַטן פון ראָמס דרוקעריי	62
סטראַשון־גאַס צוועלף	63

זייט

באַגלייטליד ביים אַוועקגיין אין וואַלד	65
און אויב מיין פאָלק וועט בלייבן בלויז אַ ציפער	66
דער פרוי	67
זינג ביט קיין טרויעריקס	69
געבורט	70
גאָלדע	71
כל־נדרי (פּאָעמע)	73
דאָס מענטשעלע פון ברויט	95
אַ חלום	97
אַ בריוו	99
דאָס ייִנגל פון אייזן	100
אין טאָג פון גאולה	101
דאָס קבר־קינד (אַ דראַמאַטישע כראָניק)	103



אבֿרהם סוצקעווער

אברהם סוצקעווער

ער איז געווען דער אָנגעלעגטער „בן־זקונים" אין דער מיוחסדיקער יידישער שרייבער־משפּחה אין ווילנע. ער איז געווען דאָס שטיפערישע מוזיניקל, וואָס איז געוואקסן צווישן די אַלטע, גרויע מויערן פון די ענגע ווילנער יידישע געסלעך. צווישן די שרייבער מיט די חריפישע שטערנס און מיט די טיף־געקאַרבטע קנייטשן, צווישן די „סופרי־ווילנע" מיט די למדנישע בערד און חקירישע חיבורים, איז א. סוצקעווער געווען גאָר עפּעס אַ נייס. ער איז אַפילו געווען אַנדערשדיק און אויסטערליש צווישן די יונגע פון „יונג־ווילנע", וואָס נישט געקוקט אויף זייער יונגקייט האָבן זיי שוין געטראָגן שווערע לאַסטן אויף זיך, לאַסטן אייגענע און לאַסטן פון אַרומיקן שווערן פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן.

צווישן זיינע „יונג־ווילנע"־חברים איז ער געווען דער יינגסטער אין יאָרן און דער יינגסטער צו באַווייזן זיך מיט זיינע דיכטערישע שאַפונגען. אַ הויכער, דאַרער, אַ דין־בייגעוודיקער און אַ שלאַנק־אויסגעצויגענער ווי אַ הירש און אַ שטאַרק־סענסיטיווער און פילנדיקער — אַזאַ האָט ער זיך באַוויזן אין די ליטעראַריש־דיכטערישע קרייזן פון ווילנע און וואַרשע, זיך באַוויזן און גלייך געזיגט. און ס'איז געווען אין אים און אין זיין שאַפן עפּעס פון דעם, וואָס ס'איז פאַרבונדן מיט דער אַמאָליקער פאָרשטעלונג פון די „בני־נביאים", — פון די יונגעטשקע נביאים.

ער האָט דעביוטירט מיט זיינע לידער אין איין צייט מיט אַ צווייטן „יונג־ווילנער", מיט חיים גראַדע. זיי ביידע זיינען גיך אַריינגעגלידערט געוואָרן אין דער גרופּע, וואו ס'זיינען שוין געווען לייזער וואָלף, א. וואָגלער און די אַלע אַנדערע. אָבער ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן און דיכטער ווי אָט די צוויי — גראַדע און סוצקעווער — זיינען געווען, הגם ביידע האָבן זיי געהערט און געווען פאַרבונדן צו איין גרופּע. חיים גראַדע — אַ בידעריקער, פול־געפּאַקטער, אַ שווער־באַוועגלעכער, אַ פאַמעלעך־גייענדיקער און ערנסט־טראַכטנדיקער. און אַזוי אויך זיינע לידער — שווער־וואָגיקע, טיף־אויסגעווייטיקטע און מיט פיין־אַדורכגעדרונגענע. גאַנץ־אַנדערש איז געווען דער

אַמאָליקער אברהם סוצקעווער: אין אים און אין זיינע לידער איז געווען פיל יינגלשקייט און פּאַרריסנקייט. געבוירן אין ס מ אָ ר ג אָ ן (ליטע) אין 1913, ער איז קוים צוויי יאָר אַלט געווען, ווען זיין פאַמיליע האָט אין 1915 פאַרלאָזט די היימשטאָט, וואָס איז בעתן ערשטן וועלט־קריג פאַר־ברענט געוואָרן. די משפחה, מיטן יונגן אברהם, זיינען, אַלס אומגליק־לעכע יידישע היימלאָזע, פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ אין וייטן סיביר, אין דער שטאָט אָמסק, ביים טיף אירטיש. אין סיביר שטאַרבט דער יונגער פאָטער, אין עלטער פון אַ 30 יאָר. אין אַ ליד „צו דרייסיק יאָר" (אין דעם איצטיקן בוך) מאָלט א. סוצקעווער זיין פאָטער, וואָס האָט פאַרמאָגט, זעט אויס, אַ טיף־לירישע נאַטור. א. סוצקעווער דערציילט:

„מיין טאַטן האָט צו דרייסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ,
ביים שפּילן
רי לוי יצחקס ניגון אויף אַ פידעלע, פאַרנאַכט — — —
די פידל האָט געפּלאַצט אויף זיין אַקסל ווי אַ קינד,
און איר שפּראַך —
אַ ליכטיקער מאַגנעט,
האָט צוגעצויגן
די ווייטע וועלט אין שאָטנדיקן כּותל,
וואו איך, אַ זיבניעריקער בעל־חלום,
האָב אַרום די פאָטערלעכע קניען
זיך געוויקלט".

א. סוצקעווער גיט צו: „ס'איז געווען אין ליכטיקן סיביר". אָבער פאַר דער נויטבאַדערפטיקער משפּחה און פאַרן יונגעטשקן אברהם איז דאָס לעבן אין סיביר גאַרנישט אַזוי לייכט און ליכטיק געווען. צו פינף־זעקס יאָר העלפט ער אַרויס זיינע עלטערן צו האַנדלען אויפן מאַרק. אין 1922, צו 9 יאָר קערט זיך אום די יונגע מוטער מיט די יונגע יתומימלעך קיין פוילן און מען באַזעצט זיך אין ווילנע. א. סוצקעווער לערנט אין אַ ווילנער פאָלקס־שול און שפּעטער אין אַ יידיש־פּוילישער גימנאַזיע. ער אַרבעט דערנאָך ביי אַ פאָטאָגראַפער.

ער הייבט אָן צו פאַרעפנטלעכן זיינע שפּילעוודיקע, וויברירנדיקע און ברויזנדיקע לידער. און ס'איז ווי געהיימע קוואַלן האָבן גענומען שלאָגן פון אים. אַ שפע מיט בילדער, אַן עשירות פון שילדערונגען. אַ מין פאַרפלייץ פון אָנהייב פרילינג. איך האָב דאַן געהאַט די פאַרשטעלונג, ווי א. סוצקעווער וואָלט אַפּט, ווי ס'שטייט אין פּסוק „זיך איינגעדרייט אין אַ געצוויג מיט זיינע הערנער", אין אַ געצוויג פון בילדער און שילדערונ־

גען. ער איז נ̣יט־זעלטן פאַרכלינעט געוואָרן פון אייגענער איבערפולקייט. און דאָס מערקווירדיקע איז געווען, וואָס די ווילנער מרה־שחורה, די וויל־נער ענגשאַפט, די ווילנער האַרבקייט האָבן ניט באַוויזן צו פאַרטרייבן ביי אים די סיבירער בלענדנדיקע רחבות, די ליכטיקע באַגינענס, וואָס ער האָט אין די יונג־קינדישע יאָרן איינגעזאַפט אין זיך אין וויטן רוסלאַנד. אָבער ווילנע מיט אירע מאָטיוון האָט אָן ספק זיך אַריינגעריסן אין אים.

א. סוצקעווער האָט געשעפט זיין יניקה, זיין אינספּיראַציע, זיין שטאָף און וויזיע פון די ביידע היימען, ער האָט זיך אָפט ווי געראַנגלט צווישן די צוויי ווידערשפּרעכנדיקע סביבות, וואו ס'איז אים אויסגעקומען צו לעבן און צו ליידן.

אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער האָט א. סוצקעווער אַזוי בילדע־ריש דערציילט וועגן זיך:

„צווישן היים און היים
ליגן ווילדע מיילן,
און דער וועג איז פול
מיט פליענדיקע פיילן.
פון וואַנעט — איז באַוואוסט,
נאָר וואוהין — נישט קלאָר איז —
אַ שמייכל אויפן ליפּ,
און אַ בינטל שטרוי, —
נאָר דער גורל בייטשט —
איז שליידער זיך און וואָגל,
ערגעץ וואַרט אַ היים
מיט פייערדיקן האָגל".

אַט אַזוי האָט געזונגען דער יונגער, קוים־צוואַנציק יאָריקער דיכ־טער, וואָס גאָר־יונג אין יאָרן, איז ער שוין געווען זאַט מיט צרות, און וואָס גורל האָט אים געבייטשט און געשליידערט אין וואָגל.

אויפן אויסזיכט — אַ זאָרגלאָזער, פריידיקער און לייכטשפּילעוו־דיקער בחור. אַן אַמביציעזער און מיט אַ יינגלשער צעשויבערטקייט אין זיין אויסזען, אין זיין האַלטן זיך, אָבער אין תוך — שוין מיט אַ שפּאָר ביסל ביטערע לעבנס־דערפאַרונגען אויף זיינע צאַרטע פּלייצעס. שטענ־דיק איז ער געווען אַ געפּוצטער, מיט דער געדיכטער „שעוועליורע" אי־בערן שטערן, און מיט לידער אויף לידער, וואָס האָבן אין יענע יאָרן גע־פלייצט און געשטראָמט פון אים.

שפּעטער רייסן זיך אַרויס אין זיינעם אַ ליד (פון יאָר 1935) אַזעלכע שורות, וואָס זאָגן עדות אויף אינעווייניקסטע פּיינען:

„ווי אַ קוואַל פון דעם ערדישן האַרץ אַרויס
רייסט זיך מיין לעבן צו ליכטיקייט.
אין דער טיפעניש פון מיין בלוט
ברילט דער ווײ־געשריי פון אַ לייב אַ פאַרוואונדיקטן".

אָט די ווערטער האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט צום יינגעטשקן א. סוצקעווער, וואָס אויסערלעך האָט ער אויסגעזען ווי אַ פליטער־פּלאַטער. די וואונדן און פּלאָגן זיינען אָבער געווען טיף־אינעווייניקסטע, טיף־אייגענע. איז ער דאָך געווען אַ קינד פון דער צייט פונעם ערשטן וועלט־קריג און פון די פּורעניותן, וואָס יענע צייט האָט מיט אַ פולער האַנט איינגעטיילט די אָרעמע יידישע מאַסן, וואָס האָבן געוואוינט אַרום און אויף די קריגס־פראָנטן. און איז ער דאָך אויפגעוואַקסן אין דער יידישער ווילנע אין די שווערע טרויעריקע צייטן פונעם האַלב־פאַשיסטישן פּוילן. אָבער די אַלע שוועריקייטן האָט ער מסתמא באַקעמפט אין זיך, פאַרבאַהאַלטן זיי דערוויל פונעם זייטיקן אויג.

ער איז לייכט געטראָגן געוואָרן אויף די כוואַליעס פון אייגענער שטראַמיקער שפּראַך, ער האָט זיך געלאָזט פאַרוויגן פון אייגענעם וואויל־קלינגעוודיקן פערז, ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אייגענע עשירותדיקע מעטאַפאָרן און אימאַזשן. און דאָס איז געווען זיין מעלה און חסרון. ער האָט איבעראַשט מיט זיינע וואוילקלינגענדיקע לידער. ער איז אָבער אָפּט געווען ווי אין געפּענקעניש ביי זייער צעכוואַליעדיקייט און צעברויזטקייט. אין דעם זינען איז ער, באַוואוסטזיניק אָדער נישט־באַוואוסטזיניק, געווען אַ תלמיד פון פּרץ מאַרקיש — ווי יענער (אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן) איז ער געווען אין געווירבל פון פאַרפלייצנדיקע מאָטיוון און געפילן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן און באַוועלטיקן. א. סוצקעווער האָט געשאַפן זיינע לידער אין דעם צושטאַנד פון „שטורעם־און־דראַנג", און אָפטמאָל — אין געאייל, אין געלאַף, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. זאָגט ער טאַקע וועגן זיך אין אַ ליד: „אויפן פלי־פערד פון נאַכט געלאָזן זיך פאַראויס". און אין אַ צווייטן ליד זעט ער זיך „פאַרשטאַכן מיט פאַרלאַנגען ווי מיט הונגעריקע בינען". און נישט אומזיסט געפינען מיר אָפּט אין זיינע לידער דאָס וואָרט „פלאַטער", „פלאַטערדיק", אָדער „געצאַפּל", און „צאַפּלענדיק", — אַזאַ איז געווען אין יענער צייט זיין געמיט־ און שאַפונגס־צושטאַנד.

און אָט איז איינע פון זיינע כאַראַקטעריסטישע לידער, — עס הייסט

„פראַגמענט", וואָס האָט אין זיך אויטאָביאָגראַפישע שטריכן:

„ווידער —
ווי אַ דימענט פֿון אַ ימיק־טיפֿן דנאָ
בליצט אויף אין מיר
מיין צאַפּלדיקע קינדהייט,
אָט־די,
וואָס כ'האָב אויף וויאָרסטן פֿון סיביר
(מיין היים — שוין לאַנג נישטאָ)
צעריסן און צעווינדיקט.

בלאַנקער שניי,
אַ כוטאָר ביים אירטיש,
געבלענד פֿון פעלדער.
און אין געדריי
פֿון שניי
אין טאַיגע־הימן,
בוי איך,
גיי איך אויף
צום בלויען הימל".

אין אַן אַנדער ליד, מיטן נאָמען „ביי טויערן פֿון געטאָ" (געשריבן אין 1937) מאָלט ער אונדז האַרציקע אָבער טיף־טרויעריקע בילדער פֿון זיין נייער היים, פֿון דער טייערער יידישער ווילנע, מיט גאָר איר שטאָלצער אָרעמקייט, מיט גאָר איר קאָלאָריטרייכער יידישקייט. דאָן, מיט אַכט יאָר צוריק, האָבן מיר זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט זיין אַ מאָנומענט פֿון דער יידישער ווילנע, וואָס איז פאַרפּייניקט און פאַראומווירדיקט געוואָרן די לעצטע יאָרן מיט איר גאַנצן מענטש־לעכן האָב און גוטס און מיט אירע אַלע זעלטענע אַלט־יידישע און יידיש־וועלטלעכע קולטור־אוצרות.

עס איז געשען אַ נס, וואָס פֿון צווישן די קרוב צו הונדערט טויזנט אומגעבראַכטע און דערמאָרדעטע ווילנער יידן האָט זיך אָפּגעראַטעוועט דער דיכטער אברהם סוצקעווער. די יידישע ווילנע, ווי אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע, איז געוועזן איבערגעגעבן צו אַלדי גרויזאַמקייטן און בעסטיאַלישקייטן, וואָס די „העכערע", „ריינע" נאַצישע נאַציע האָט מיט אַ מערקווירדיקער אכזריותדיקייט און ראַפי־נירטער ברוטאַלישקייט אָנגעווענדט צו דער יידישער באַפעלקערונג.

צווישן דעם ביסל „שארית־הפליטה", צווישן די צענדליקער אָפּגעראַטע־וועטע האָט זיך אויך אויפגעהיט דער דיכטער אברהם סוצקעווער, — אַ לעבעדיקער עדות פון דעם מאוימדיקן „לעבן" אין געטאָ, אַ לעבעדי־קער עדות פון די פּאַרטיזאַנען־קאַמפן אַרום ווילנע. א. סוצקעווער האָט זיך באַטייליקט אַפּריל 1944 אין דער קאָנפערענץ פון דעם אַנטי־פאַ־שיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, וואו ער האָט געשילדערט דעם מורא־דיקן חורבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע, ווי אויך די העל־דישע קאַמפן און דעם איבערמענטשלעכן ווידערשטאַנד פון די פּאַרטי־זאַנען־גרופּעס אין די וועלדער, וואָס ער אַליין האָט מיטגעמאַכט אין די יאָרן 1941־1944.

פאַר אַט־די עטלעכע יאָר האָט א. סוצקעווער, צוזאַמען מיט די אומ־גליקלעכע ווילנער יידן, איבערגעלעבט און איבערגעפּייניקט די אַלע מוראדיקייטן, וואָס קיין מענטשלעכע משוגענע פאַנטאַזיע האָט זיך עס נישט געקאָנט פאָרשטעלן.

די לידער און פּאָעמעס, וואָס קומען אין דעם בוך, זיינען, ווי א. סוצקעווער גיט אָן אַליין, „געשריבן אין ווילנער געטאָ און אין וואַלד" אין די דערמאָנטע פיר יאָר. געשריבן איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר די טיף־פּיינלעכע, טיף־ אויפטרייסלענדיקע אויסגעוויינען, אויס־געשרייען. וועגן די לידער און פּאָעמעס ווילט זיך נישט אין דער קור־צער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם פריערדיקן אברהם סוצקעווער צו רעדן. דער לייענער דאַרף די טיף־וויטיקדיקע גרויליקע שאַפונגען לייענען און ווידער לייענען, לייענען און אויסוויטיקן און אַדורכפיבערן זיי, ווי דער דיכטער גופא האָט זיי אויסגעוויטיקט און אַדורכגעפיבערט.

נ. מייזיל.

נאָוועמבער 1945.

⁂

אין לעצטן גורל גיב מיר פרייד און ווילן,
צו דערזען אַ פּאַלאַץ אין אַ חרובן געביי;
איך זאָל צו יעדער צייט מיין צייט דערפילן
און אָנקלאַפּן מיין גייסט ווי דורך אַ טורמע־וואַנט: ביסט פריי.

אין לעצטן גורל זעטיק מיך מיט גלויבן,
אַז מאָרגן וועלן זיבן זונען אויפגיין אין אַ טרער,
אַז ערגעץ נעמען שפּראָצן שוין אין אויסגעלייזטע שטויבן
גיבורים־קערנער, מאַכטיקע מיט ווילן און באַגער.

אין לעצטן גורל טרייב אין מיר אַ שטורעם,
אַרויסצורייסן יעדער פלעק און וואַקלדיקן קלאַנג.
און שמעלץ ווי גאָלד מיך איבער אין דיין פורעם,
די פסולות זאָל זיך אָפּטיילן און בלייבן זאָל געזאַנג.

און גיב מיר ליבשאַפט צו מיין מידער שנאה,
צום זשאַווערדיקן טרויער — קלאָרן מוט.
אין לעצטן גורל ברענג מיך אין דער בחינה
צו פילן, אַז דאָס ערגסטע לעבן, אויב עס בענקט — איז גוט.

2טער מערץ, 1943.

די לערערין מירע

מיט לאַטעס אויף לייבער, צעשניטן אין פּאַסן,
מע טרייבט אונדז אין געטאָ, עס גייען די גאַסן.
די הייזער באַגלייטן אויף אייביק געזעגנט
און שטיינערדיק ווערט יעדער גזירה באַגעגנט.

אין תּפֿילין ווי קרוינען מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאָרפֿס־ייִד אינאיינעם.
אַ פֿרוי שלעפּט אַ גוסס פֿאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צווייטער — אַ בינטעלע האָלץ אויף אַ וועגל.

און צווישן זיי אַלע — די לערערין מירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם, ביים הענטל אַ צווייטן,
אַרום די תּלמידים, — באַגלייטן, באַגלייטן.

און קומט מען צו ייִדישער גאַס — איז אַ טויער,
נאָך וואָרעם דאָס האָלץ ווי אַ קערפּער אַ רויער.
און גלייך ווי אַ שליוז פֿאַר געטריבענע שטראָמען,
ער טוט זיך אַן עפֿן, פֿאַרשלינגט אין די תּהומען.

מע יאָגט איבער חורבות אַן ברויט און אַן פֿייער,
דאָס ברויט איז אַ בוך, און דאָס ליכט איז אַ בלייער.
פֿאַרזאַמלט די קינדער אין חרובער דירה,
עס לערנט זיי ווייטער די לערערין מירע.

זי לייענט זיי שלום־עליכמס אַ מעשה,
עס פֿינקלען די קינדער און לאַכן בעת־מעשה.
זי פֿלעכט זיי מיט בלויאינקע סטענגעס די צעפּלעך
און צײלט איר פֿאַרמעג: הונדערט דרייסיק די קעפּלעך...

צוגלייך מיט דער זון איז די לערערין מירע
שוין וואַך און זי וואַרט אויף די קינדערלעך אירע.
זיי קומען. זי ציילט. אָ, ניט ציילן זיי בעסער!
דורך נאַכט האָט דאָ צוואַנציק פאַרשניטן אַ מעסער...

איר הויט ווערט אַ שויב אין פאַרנאַכטיקע פלעקן,
נאָר ס'טאָר זיי ניט מירע די קינדער אַנטפלעקן.
פאַרבייסט זי אַ ליפּ און מיט גבורה באַנייטער
דערציילט זי פון לעקערטן, מונטערט זיי ווייטער.

דורך נאַכט האָט אַ גראַקייט באַצויגן די הייפן,
און גרוי ווערט דער לערערינס האָר אויף די שלייפן:
זי זוכט אינעם קעלער איר מאַמען דער בלינדער —
צוזאַמען מיט איר, פעלן זיבעצן קינדער.

ווען זון האָט די בלוטן געטריקנט, האָט מירע
באַהאַנגען מיט גרינס די פאַריתומטע דירה;
— געקומען דער לערער געֶרשטיין, מע וועט זינגען
דער כאָר זאָל אַריבער די מויערן קלינגען...

שוין קלינגט עס: „ניט ווייט איז דער פרילינג..." נאָר אונטן
די העק און באַגנעטן צעטרייסלען די גרונטן.
מע שלעפּט פאָר די האָר פון די קעלערס און לעכער.
„ניט ווייט איז דער פרילינג" פאַרקלינגט אָבער העכער.

שוין זעכציק פאַרבליבן אָן שוועסטער, אָן מאַמען...
די לערערין מירע איז אַלע צוזאַמען.
ס'איז נאָענט אַ יום־טוב, איז טייבעלעך קינדער
אַ פאָרשטעלונג דאַרף מען באַווייזן געשווינדער!

צום יום־טוב — ניטאָ מער ווי פּערציק . . . נאָר איטלעך
מיט ווייסינקן העמדל, מיט ליכטיקע טריטלעך.
די בינע איז פֿריש, מיט אַ זון, מיט אַ גאָרטן,
מע קען אָזש אין טייכל זיך אויסבאָדן דאָרטן.

ביים לייענען פּרצעס דריטע מתּנה,
האָט אונטערגעזעגט דאָס געביי די סכּנה.
זיי האָבן געכאַפּט! און פֿאַרטאָג איז געבליבן
פֿון הונדערט מיט דרייסיק, בלויז מירע און זיבן.

אַזוי ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען
איז מירע אַ בלום — און די קינדערלעך — בינען.
שוין גרוי איז די בלום — און פֿאַרוועלקט אירע גלידער
נאָר מאָרגן אין טוי, וועט זי אויפֿבליִען ווידער.

10 מײַ, 1943.

דער זקן

. . . עס ליגט אין קלויז אין חרובער אַן איינגעקנוילטער זקן,
ער ליגט אויף אַ צעפּליקטער ספר־תורה און ער פאַסט.
דאָס טאָג־ליכט הענגט אין פּאַליש, ווי אַ האַנטעך אויף אַ האָקן
און ס'וואַרט דער ייִד, עס זאָל שוין קומען דער געהאָפטער גאַסט . . .

צופוסנס ליגט אַ טלית, און צוקאָפּן אַ מנורה,
עס בליצט דער זון־פאַרגאַנג אין איר צעשפּיגלטן קרישטאָל.
דער ייִד האָט מיט זיין אָדערדיקער האַנט געקריצט די תורה
און מיט זיין אייגן בלוט פאַרענדיקט שרייבן זי דאָס מאָל.

דער פאַרמעט איז מיר ווייט און פרעמד, נאָר מיר איז נאָענט דער זיידע,
איך ברענג אים ברויט און זוך אַרום אין טונקלקייט זיין קול . . .
און כאָטש ער איז אַליין, מיר דוכט, — ס'איז דאָ אַ גאַנצע עדה,
זי שפּיגלט זיך געהיים אין דעם פאַרטונקלטן קרישטאָל.

פאַרחתמעט איז דעם זקנס וואָרט, פאַרחתמעט איז זיין נאָמען —
און ווען איך קום אויף מאָרגן, ליגט ניט אָנגערירט דאָס ברויט.
אין פאַרמעט איינגעזייגט די ליפּן ווי צעברענטע שוואָמען,
און ביים דערהערן טריט, איז לעבט ער אויף, ער מיינט: דער טויט . . .

און קיינמאָל קוקט ער מיך ניט אָן. ער וויל ניט קענען קיינעם.
ער הונגערט. און זיין לייב טריפט אויס ווי חלב פון אַ ליכט.
די תורה וויקלט אים אַלץ מער דעם הונגער־גוף דעם ריינעם,
און דער, אויף ווענען ס'וואַרט דער זקן — קריכט און קריכט און קריכט . . .

און ווידער ברענג איך אים אַ טרונק, אַ סקאָרינקע, און ווידער —
עס בלייבט ווי נעכטן ניט באַרירט פון זקנס דאַרע הענט.
און כ'זע ווי ס'גוסן אַרויס די דורות פון די גלידער
און מאָלן אין לבנה־שיין צוואַהס אויף די ווענט.

ביז איינמאָל כ׳האָב דעם פּאַרמעט פון זיין קאָפּ אַראָפּגעריסן:
— פּאַרשעמט ניט ברויט מיט וואַסער, נעמט אין מויל!
און ס׳האָט דער ייִד געענטפערט: — פון אַזאַ מין וועלט געניסן?
אָ, זאָל זי מיט איר גאָב צוזאַמען, ווערן אַש און קויל.

אויף מאָרגן האָט זיך ווידער אין קרישטאָל פון דער מנורה
מיט זייבע קנייטשן־פייערן דער זון־פאַרגאַנג פּאַרטיפט.
און אַרום זיך אַליין האָט זיך געוויקלט שוין די תורה —
דער זקן איז פאַרגאַנגען אין דער פּאַרמעטענער שריפט.

15טער נאָוועמבער, 1942

אין קלויסטער אויף רודניצקער גאַס

וואָס טו איך דאָ אין קלויסטער אין דעם קאַלטן ?
— די ערד איז פול, ניטאָ זיך וואו באַהאַלטן . . .

ס׳איז שטיל. מיין אָטעם ווי אַ פליג דאָ זשומעט,
די מירמל־זיילן טראָגן הויך דעם אומעט.

איך שעפּ אין האַנט ווי וואַסער די לבנה —
באַגיס די ווענט, די וואַקסענע מאַדאָנע.

באַגיס דעם גאָט, די דערנער אויף זיין שטערן,
און ס׳וואַסער לייכט און הענגט אויף אים ווי טרערן.

כ׳דערצייל, אַז מיט אַ האַק האָב איך צעבראָכן,
די געטאָ־וואַנט און דאָ אַהער פאַרקראָכן.

— „דו גלייבסט מיר ניט ? דו ביסט דאָ אָפּגעזונדערט ?
די שחיטה איז ניט ווייט אַ שפּאַנען הונדערט . . .״

ער צוקט . . . מיר דאַכט ער הערט וואָס איך דערצייל אים ;
איך נעם אַראָפּ דעם מענטשן פונעם צלם.

אויף דרייענדיקע טרעפּ מיר יאָגן אויבן,
פאַרביי די זיילן, וועלבונגען און שויבן.

לבנה יאָגט פאַראויס און ברענגט אונדז העכער,
צום קופּער־גלאָק, צעווישן בלויע לעכער.

איך ווייז אים אויף די געסעלעך די זיבן:
— „דאָרט איז מיין מאַמע קראַנקערהייט פאַרבליבן.

אָ, קוק אַרונטער אויף דעם קינד און זקן,
ס׳צעוויגן זיך פון ווענן זיי די גלאָקן.״

ער פליט אַראָפּ אויף דר׳ערד . . . זיין אַלטער דרימל
צעפּלאַצט זיך ווי אַ שאָלעכץ קעגן הימל.

און לעבן מיר אַ לעבעדיקער שטייט ער,
אַ היימישער, אַ נאַקעטער, אַ גרייטער. —

— „ברען אויס מיר אויפן האַרץ אַ געלע לאַטע,
איך גיי אַהין . . . איך בין דיין ברודער, טאַטע״.

ער גייט אַהין. ס׳באַגלייט אים די לבנה,
עס יאָגט אים אָן די וואַקסענע מאַדאָנע;

און דורך דער וועלבונג זע איך זיי צוזאַמען,
אין זעלבער מחנה מיט מיין קראַנקער מאַמען.

23טער נאָוועמבער, 1942

דער געטאָ-פידלער

פון זינט ער הערט ניט זיינע קלאַנגען, —
האָט אים אַ גרויע וואַנט פאַרשטעלט.
און וואָר און חלום איז פאַרגאַנגען:
די פידל האָט אים דאָ געפעלט.

אַוועק איז מיט איר קלאַנג באַזונדער
זיין קלינגעוודיקער גייסט, די וועלט,
עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער וואונדער:
די פידל האָט אים דאָ געפעלט.

ער האָט זי אין געהיימען טרויער
פאַרגראָבן ווי אַ פלאַש מיט וויין,
אויף יענער זייט פון שוועל און טויער
נאָך איידער ער איז דאָ אַריין.

און אָן דער פידל וואָס באַטייט ער?
— אַ ביינער־פורעם אָן אַ דעק!
עס רינט אַדורך די צייט, גייט ווייטער,
און ווי געקומען, גייט אַוועק.

אַ טרער איז מער ניט ווי אַ טראָפּן,
אַ וואָרט, — אַ שטויבעלע אין ווינט.
דער זונפאַרגאַנג ביי אים צוקאָפּן
איז גרוי נאָך איידער ער צערינט.

און ס'לעבט דער מענטש ווי אין אַ שפּיגל,
ער לעבט און ווייס ניט וואָס ער טוט.
און בלוט אויף שטיינער און אויף ציגל,
עס ווייס ניט אַז מען רופט עס בלוט.

און ער האָט איינמאָל מיט אַ רידל
ביינאַכט אַרויסגעשפּאַנט געהיים
צום אויפגראָבן די טרייע פידל
אין ערד פון חרובֿדיקער היים.

ער מוז די פידל טרעפן, טרעפן,
און טרינקען פון איר קוואַל דאָס ליכט . . .
און ס׳האָט געגעבן זיך אַן עפן
דער לעצטער אויפגעפלאַצטער שיכט.

ער טוט אַ כאַפּ זי פון דער נידער,
די פידל וואַרפט אויף אים אַ שטראַל :
און ביי די וועגט ער שאַרט זיך ווידער,
און קומט אין יידישן קוואַרטאַל.

און פאַר די זעלבע גרויע שטיינער, —
צעשפּילט ער זיך ווי זיין פאַרלאַנג,
אַז יעדער שטויב און שטיין ווערט ריינער,
און ווי אַ הערשער גייט דער קלאַנג.

און ווערטער פרייען זיך ווי קינדער,
און קינדער זיינען גאָר מוזיק,
עס נעמען רירן זיך אַצינדער,
די מתים, אויפגעוועקט פון סמיק.

און ס׳קומען מחנות פון די גריבער,
חברים אָנגעטאָן אין טוי.
און אָט איז אויך דער זון דער ליבער
און אָט איז אויך די טויטע פרוי.

און יעדער איינערביים דערהערן,
ער ווערט געשטאַרקט, ער ווערט באַהעלט,
און טרערן זיינען ניט קיין טרערן,
אין יעדער לייטערט זיך אַ וועלט.

און אַלע שפּאַנען, אַלע גאַפן,
דערזעען זיך צום ערשטן מאָל.
דער קלאַנג האָט ווידער זיי באַשאַפן
מיט נייעם האַרץ, מיט נייעם קול.

און בלוט אויף שטיינער איז אַ שטורעם,
און יעדער וואָרט איז גאָר אַ שפּיז,
און יעדער קעלער איז אַ טורעם,
און יעדער מענטש איז — וואָס ער איז.

17 יוני, 1943.

משה

ווער איז די פרוי וואָס פלאַטערט מיר אַנטקעגן,
און ביי איר ברוסט אַן עופעלע אין דרעמל ?
זי פלאַטערט דורך צו דער ווילייעס ברעגן
און אויף איר ברוסט דאָס קינד — אַ ציטערנדיק פלעמל.

זי איילט צום ברעג, זי שפּרינגט אין דער ווילייע,
און גראָבט זיך איין אין רוישנדיקע שטראָמען.
דאָס קינדעלע באַזעצט זי אויף אַ קריעה
און זי — נעמט זינקען, זינקען אין די תהומען.

ווי ווייט איז די ווילייע פון דעם נילוס ?
אין זעלבן וואַסער ציען זיך מעת־לעתן, נאָך מעת־לעתן,
און גרויל פון אייביקייטן האָט דאָך אַ רגילות
באַנייען זיך — דער מענטש זאָל ניט פאַרגעסן.

זי שטרעקט אַרויס צום לעצטן מאָל די פינגער
און שלעפט די שקיעה מיט אין תהום, די כוואַליעס שווימען
איר אַריבער שטראָמיקער און גרינגער
און אויפן ברעג אַליין בלייב איך אַ סימן.

— — — — — — — — — — — — — —

די קריעה טראָגט דעם פרילינג אַ מתנה :
אַ דרעמל־קינד אין פרירנדיקע טרערן.
און איך באַגלייט עס ביז צו דער לבנה
און זאָג : אַ נייער משה זאָלסטו ווערן !

15 אַפּריל, 1943.

אַ וואָגן שיך

. . . די רעדער יאָגן, יאָגן,
וואָס ברענגען זיי מיט זיך ?
זיי ברענגען מיר אַ וואָגן,
מיט צאַפּלענדיקע שיך.

דער וואָגן ווי אַ חופּה
אין אָוונטיקן גלאַנץ ;
די שיך — אַ פּולע קופּע
ווי מענטשן אין אַ טאַנץ.

אַ חתונה, אַ יום־טוב ?
צי האָט מיך ווער פאַרבלענדט ?
די שיך — אַזוינע נאָנטע
אויף ס'ניי איך האָב דערקענט.

עס קלאַפּן די אָפּצאַסן :
וואוהין, וואוהין, וואוהין ?
פון אַלטע ווילנער גאַסן
מע טרייבט אונדז קיין בערלין.

איך דאַרף ניט פרעגן וועמעס,
נאָר ס'טוט אין האַרץ אַ ריס :
אָ, זאָגט מיר שיך דעם אמת,
וואו זיינען זיי די פיס ?

די פיס פון יענעם טופל
מיט קנעפּעלעך ווי טוי, —
און דאָ — וואו איז דאָס גופל,
און דאָרט וואו איז די פרוי ?

אין קינדער־שיך אין אַלע
וואָס זע איך ניט קיין קינד ?
וואָס טוט ניט אָן די כלה
די שיכעלעך אַצינד ?

דורך קינדער־שיך און שקראַבעס
כ׳דערקען מיין מאַמעס שיך !
זי פלעגט זיי בלויז אויף שבת
אַרויפציען אויף זיך.

און ס׳קלאַפּן די אָפּצאַסן :
וואוהין, וואוהין, וואוהין ?
פון אַלטע ווילנער גאַסן
מע טרייבט אונדז קיין בערלין.

1 יאַנואַר, 1943.

פאַרפרוירענע יידן

האָסטו געזען איבער פעלדער מיט שניי
פאַרפרוירענע יידן אַ ריי, נאָך אַ ריי?

זיי ליגן אָן אָטעם, פאַרמירמלט און בלאָ,
נאָר טויט איז אין זייערע קערפּערס ניטאָ.

ווייל ס׳פינקלט אויך ערגעץ פאַרפרוירן דער גייסט,
ווי אַ גילדערנער פיש, אין אַ כוואַליע פאַראייזט.

זיי ריידן ניט, שוויגן ניט. יעטווידער ט ר אַ כ ט,
און די זון ליגט פאַרפרוירן אין שניי אויך ביינאַכט.

עס גליט אויף אַ ראָזלעכער ליפּ אין געפריר,
אַ שמייכל, און קען זיך ניט געבן קיין ריר.

אַ טראָט לעם דער מאַמען ליגט הונגעריק ס׳קינד,
און מאָדנע: זי קען עס ניט זייגן אַצינד.

און ס׳גליווערט אַ פּויסט ביי אַ נאַקעטן גרייז,
און קען ניט זיין כוח באַפרייען פון אייז.

כ׳האָב אַלערליי טויטן פאַרזוכט ביז אַהער
און ס׳קען מיר שוין קיינער ניט וואונדערן מער.

נאָר אַצינד אין דער יוליקער היץ אויף אַ גאַס,
באַפאַלט מיך אַ פראָסט ווי ס׳באַפאַלט משוגעת;

עס גייט מיר אַנטקעגן דאָס בלויע געביין, —
פאַרפרוירענע יידן אויף שנייאיקן פליין.

מיין הויט ווערט באַצויגן מיט מירמלנער שיכט,
און אָפּשטעלן נעמט זיך דאָס וואָרט און דאָס ליכט.

און אויך מיין באַוועגונג פאַרפרירט, ווי ביים גרייז
וואָס קען ניט זיין כוח באַפרייען פון אייז.

10 יולי, 1944.

מיין רעטערין

ווער ביסטו מיר ליכטיקע באָבע, דערציילן,
צו האַלטן באַהאַלטן אַ פרעמדן אין הייל,
און ברענגען מיר מילך אַזוי היימיש און זיס,
אַ שעפּסענעם פעלץ אויף צעפרווירענע פיס,
און מענטשלעכן חלום און וואַרעמען ברויט,
און שמייכל — געזאַנג פון דיין קנייטשיקער הויט?

דער ווינט האָט געשפּונען געצעלטן פון שניי
און איך ווי אַ ווינט האָב געוואָגלט דורך זיי.
אַהינטער מיין פּלייצע געיאָגט האָט אַ וועלט,
אַ וועלט וואָס האָט קעגן דער וועלט זיך געשטעלט,
און איך, אין די שנייאיקע פעלדער, אַליין —
ביי וועלפישע פייערלעך וואַרעם ס׳געביין.

אַמאָל איז אַ מאַמע געווען און אַ וויג, —
היינט טרינקט זיך די היים אונטער רויכן פון קריג.
האָב איך זיך באַשוואוירן: זאָל זיין וואָס וועט זיין,
כ׳וועל פּרואוון אין זיבעטער כאַטע אַריין,
געפינען אַ טרייסט־וואָרט פאַרקלעמט אין אַ ליפּ,
— סטוק־סטוק, און די טיר האָט געגעבן אַ סקריפּ.

דו האָסט מיך באַגעגנט מיט ראָד פון אַ ליכט,
אַזוי ווי דער גאַסט וואָלט ניט זיין אומגעריכט.
דיך האָט ניט געשראָקן מיין אייזיקע באָרד,
און ס׳מעסער אין גאַרטל געשליפן אויף מאָרד.
ווייל ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין בלענדיקן בלאַנק
מיין פּנים פאַר דיר, און דערביי מיין געדאַנק . . .

האָסט אונטערן דיל מיר געגראָבן אַ הייל,
געבראַכט אַ געלעגער, אַ לעמפּעלע אייל,
און לופט, מיט דער ווייכקייט פון מאַמישע האָר,
און קינדהייט, וואָס האָט ניט קיין אָרט און קיין יאָר,
אַ בלעטל פּאַפּיר ווי פון ווייגשל דער בליט —
אַ בלעטל אויף וועלכער ס׳זאָל וואַקסן מיין ליד.

און ווען כ׳האָב געשפּיגן מיט בלוט אין דער גרוב,
דו האָסט אויף די הענט מיך געטראָגן אין שטוב,
געלייגט מיך אין בעט און גערופן אויף נאַכט
אַ דאָקטער, וואָס האָט מיך געהאָרכט און באַטראַכט;
און כ׳האָב דיך געזען דורך צעפיבערטן גלי:
דו שטייסט מיט אַ צלם פאַר מיר אויף די קני.

דיין גנאָד איז מיר שפּעטער געוואָרן אַ קייט,
דער שנייַ האָט די שאָטנס אין פעלד ביט פאַרשנייט.
אין שלאָף האָבן קינדער געוואָרגן מיך: „דו
האָסט אונדזערע טרערן פאַרביטן אויף רו!"
און כ׳האָב אין אַ נאַכט פון לבנה און פראָסט
צוריק צו דער געטאָ זיך ווידער געלאָזט.

נאָר דו האָסט מיר מוחל געווען דעם אַנטלויף,
און ברויט מיר געטראָגן אויך ווייט פון דיין הויף.
ביז איינמאָל דו קומסט און דו ברענגסט מיין פאַרלאַנג —
אויף וועלכן איך האָב שוין געוואַרט אַזוי לאַנג;
דאָס הייליקע ברויט, וואָס היילט אויס און מאַכט זאַט:
אינמיטן דעם לאַבן עס ליגט אַ גראַנאַט!

און ווען דער גראַנאַט האָט געצילט אין דעם פיינט, —
דיין שוויַיגיקע גוטסקייט פאַר מיר האָט געשיינט.
איך זע ווי דו׳טראָגסט מיך פון הייל אויף די הענט,
אויף טרעפּ, דורך אַ טיר, צו אַ זון וואָס דערברענט...
און אָט — גאָר דיין האַנט איבער מיינער זיך ציט,
און ס׳טוט זיך אַ ריס דער גראַנאַט און ער פליט!

5 מערץ, 1933.

דער נביא

. . . און דער וואָס נביא רופט מען אים — דער שכן מיינער, נעמט
זיין טלית און ער זאָגט צום יתום: „ניי פון אים אַ העמד.

און טו עס אָן און לעב און קוק אָן מורא אויף דער וועלט,
ווייל שפּינוועבס איז די וואַנט, וואָס האָט דיין מאַכטיקייט פאַרשטעלט".

און ווי גרויער אָדלער טוט דער נביא זיך אַ ריס
צו דעם, וואָס ליגט דערהרגעט און ער קניט ביי זיינע פיס:

„מיין ברודער, זאָלסט דערציילן די קרבנות פון דער שטאָט:
זי טראָגט זיך די נקמה — אונדזער שטורעמדיקער גאָט!"

און ווי אַ שטיין וואָס פאַלט אין טייך און רודערט־אויף אַ קרייז, —
אַזוי ווערט איינגעזונקען יעדנס פּנים אינעם גרייז.

און ווער עס האָט געזאָגט: משוגע, ווער עס האָט געלאַכט,
ווען איינמאָל האָט דער נביא זיך צעזונגען אין דער נאַכט, —

נאָר ער האָט מיר געגעבן פונעם זינגען דעם באַשייד:
„זי טראָגט זיך די נקמה און כ'באַגעגן זי מיט פרייד".

17 יולי, 1943.

מיין מאַמע

א

עס וואָרקעט אַ פרייטיק־צו־נאַכט אויף אַ בוידעם,
צוקסט ביי דער שיין פון לבנה אין סידור . . .
עס דאַוונען די שפּיצן ביי דיר פון דער לאַטע
און צוקן ווי טיילן פון מענטשישע גלידער.

עס טריפט מיט לבנה פון דיינע שוואַרצאַפּלען
די מאַמישע טראָפּנס באַלויכטן מיין גלויבן. —
דיין תּפילה דערמאָנט מיר אָן וואַרעמע חלה,
דו קאָרמעסט מיט האַרציקער תּפילה די טויבן.

אין יעדער דיין קנייטש איז באַהאַלטן מיין לעבן,
איך הער ווי דו הוסט און דו ציטערסט אַז קיינער
דעם הויך זאָל ניט הערן, ווייל דאָ, אין אַ ווינקל,
פאַרשאָטן מיט ערד ליגן אויך מיינע ביינער.

עס דרעמלט דיין האַנט אויף מיין שטערן: זיי רואיק
אַ טאָג אָדער צוויי די ישועה — אַ גיכע . . .
דיין אַנדערע האַלטסטו ביי מיר אויפן אויער
איך זאָל ניט דערהערן די שטים פון רציחה.

ב

ווערסט מיך ניט נאַרן: איך ווייס דו ביסט טויט.
כאָטש דו לעבסט אין מיין חלום: וואָס ברענען
אין דיין האַרצן דריי רויזן אין שאַרלאַכן רויט?
פאַרשטעל ניט . . .
איך ווייס ווער דאָס זענען!

פאַרשטעל זיי ניט מאַמע, וואָס נאַרסטו דיין קינד,
ווי קומען דאָ רויזן צעבליטע?
איך זע דאָך דריי פּורפּורנע קוילן אַצינד,
אַן ערשטע, אַ צווייטע, אַ דריטע.

ג
צימבלט איר צימבלען —
דערפריט אַ געלעכטער, פּאַרטויבט אַ געשריי.
דורך פעלדער
איצט יאָגט מען מיין נאַקעטער מאַמען,
איר לייב איז אַ שטראַל אין די שפּיגלען פון שניי — — —

און זי, ווי צום אויסלייז,
יאָגט ערגעץ גיך, גיך —
און דורך דער פאַרפרוירענער טרער, וואו די זון גליט
געפאַנגען אויף אייביק, דערזעט זי איצט מיך.

און צווישן איר ווידוי
שיקט זי אַריבער אַ בענטשונג דעם זון.
עס קנאַלן די ביקסן.
זי פאַלט ווי אַ טויב אויפן טראָן פון דער זון.

ד
און וואו בין איך געווען,
בעת אונטער צימבלען
האָט מען דיך געשלעפּט צום עשאַפאָט ?
— אין הינטישער בודע פאַרגראָבן ס׳געביין,
מיט הינטישער פרייד וואָס פאַרשילט זיך אַליין,
אויף ליפּן אַ פּיאַווקע,
אין אויער — אַ שפּין,
האָב איך געלוגט דורך אַ שפּעלטל, אַהין
וואו אונטער לבנה, וואָס שפּיגלט דער נאַכט, —
שפּילט זיך דער ווינט מיטן פּערלנעם שניי . . .
און די שנייען־קאַפּעליע,
ס׳געהיימע געדריי
אויפן פּאָן פון לבנה —
פון וואַנען די פּראַכט ?
ס׳האָט איטלעכער פּערעלע שניי זיך געשפּילט
מיט זיין אייגענעם שאָטן, און מיך האָט דאָס בילד
פאַרשאַפט אַזאַ תענוג
אַז כ׳האָב אַזש געבילט — — — —

ה

לייכטן מיר דריי קוילן אין דער נאַכט,
לויף איך זיי צום אויסלייזן פון שאָטן . . .
קום איך צו אַ געלן טויער מיט אַ שילד באַוואַכט:
„אַכטונג! דאָ איז קרעץ. פאַר ניט־יידן — פאַרבאָטן!"

בייס איך דורך די שטיינער מיט די ציין
און פאַרן ליכט פון אויסגעזעצטע שויבן־ווייסלען זע איך:
די הייזער — אָן נשמות. כ'בין אַליין, —
די גאַסן — אַ פאַרלאָשענער מזבח.

האָב איך מורא אָנצוזען דיין שויב,
אָטעמט מיט דיין גסיסה יעדער שטאָפּל,
זוך איך מיטן מויל דיין מינדסטן שטויב,
פיל איך דיך אין ווינטישן געצאַפּל.

פאַל איך צו אַ שטיינערדיקער שוועל:
— מאַמע, איך בין דאָ צוריק, זאָלסט וויסן!
און די קוילן ווייטיקדיק און העל,
ברענען אין דעם אומרו פון געוויסן . . .

ו

זוך איך די ליבע פיר ווענט
וואו דו האָסט געאָטעמט,

שווינדלען די טרעפּ אונטער מיר
ווי אַ וואַסער־גרוב קאָכיק.

דערטאַפּ איך די קליאַמקע און רייס
די טיר, צו דיין לעבן — — —

דאַכט מיר: אַ פייגעלע ווינט
אין שטייג פון די פינגער.

קום איך אין צימער אַריין
וואו ס'טונקלט דיין חלום —

צאַנקט נאָך דאָס לעמפּעלע קוים,
וואָס דו האָסט געצונדן.

שטייט אויפן טיש אַ גלאָז טיי, —
ניט באַוויזן דערזופּן,

צאַפּלען נאָך פינגער אַרום
אויף די זילבערנע ראַנדן . . .

בעט רחמים דאָס צינגעלע ליכט
אין צוקיקן לעמפּל —

דערגיס איך אין לעמפּל מיין בלוט
ס'זאָל ניט אויפהערן לייכטן . . .

ז
כ'געפין אָנשטאָט דיך אַ צעריסנס דיין העמד,
נעם איך צום האַרצן און דריק עס פאַרשעמט.
עס ווערן די לעכער פון העמד מיינע טעג,
און דער זוים פונעם העמד ווערט אין האַרץ מיר אַ זעג.

צערייס איך פון לייב מיינע קליידער און קריך
אין דיין אָפענעם נאַקעטן העמד ווי אין זיך.
ס'איז מער ניט קיין העמד, ס'איז דיין ליכטיקע הויט,
ס'איז דיין קאַלטער, דיין איבערגעבליבענער טויט.

ח
רעדסטו צו מיר
אַזוי וואָרהאַפטיק עכט :
— ניטע, מיין קינד,
ס'איז אַ זינד, ס'איז אַ זינד,
און אונדזער צעטיילונג
נעם אַן פאַר גערעכט.

אַז דו ביסט פֿאַראַן,
בין איך דאָ סיי ווי סיי,
ווי דער יאָדער אין פּלוים
פֿאַרמאָגט שוין דעם בוים
און די נעסט און דעם פֿויגל
און אַלץ וואָס דערביי.
— — — — — — — — —

אָקטאָבער, 1942

איציק וויטענבערג

א

זע איך דיך ווידער —
ווי דעמאָלט דעם זעכצנטן יולי פאַרטאָג,
אויף אַן ערד וואָס זיך וויגט צו דער הייך, צו דער נידער,
ווי אַ דורותדיק־אַלטע, אַ ביינערנע וואָג.
זע איך דיך ווידער
און זאָג:
ער האָט איבערגעוואויגן דיין היינטיקער טאָג.

ב

צוואַנציק טויזנט
לעצטע,
מידע,
וועקן מיט געוואַלד אַ נס.
גרייטן הונדערט די מרידה
אַ מעת־לעת נאָך אַ מעת־לעת.

קומט צו די צוואַנציק טויזנט דער שטן,
און אַזוי ווערט געבאָטן
די צוואַנציק טויזנט:

— זוכט אים אויס צווישן אייך דעם שטאָלצן,
געפינט אים אויס אין געהיימער פעסטונג,

---

* איציק וויטענבערג, אַ ווילנער שטעפּער, פון דער יוגנט אָן אַ טיכטיקער טוער פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּוילן. וויטענבערג איז געווען קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ. זיך אַליין איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשישע תלינים, געמיינט מיט זיין טויט צו ראַטעווען די לעצ־טע צוואַנציק טויזנט איבערגעבליבענע יידן. דעם 16טן יולי 1943, פאַר־פייניקט געוואָרן אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ.

דעם, וואָס האָט די געטאָ פאַרשמאָלצן
קעגן מיר צו גיין אין פאַרמעסטונג,
דעם, וואָס האָט פון מיין כוס ניט געטרונקען
די שוואַרצע פונקען
פון משוגעת.
צוואַנציק טויזנט
אַרויף אַראָפּ.
צוואַנציק טויזנט
פאַר איין קאָפּ.
צייט —
ביז די זון וועט אַנטרינען פון טאָג!"

און עס וויגט זיך די ערד צו דער הייך, צו דער נידער,
ווי אַ דורותדיק אַלטע, אַ ביינערנע וואָג.

ג

זע איך דיך ווידער, —
געלענט אָן אַ ביקס ווי אַ בלענדיקער פליגל,
צווישן דיינע חברים, ברידער,
הינטער די ציגל
פון באַריקאַדע.
און דער קוילנוואַרפער ביים באַרוועסן יונג,
איז גרייט אַ ליאַדע
רגע צום שפרונג.
און עס לויערט דאָס מיידל מיט הייסן גראַנאַט
אים אַ שליידער צו טאָן אין באַגעגנטן קאַט.

ד

אינמיטן רויש, אינמיטן האַוועס —
די צוואַנציק טויזנט בלייבן שטיין.
דער יאוש ווי אַ שטראָם פון לאַווע
האָט זיי פאַרגאָסן דאָס געביין.

פאַרגליווערט איז דער אָטעם. קיינער
באַוועגט זיך ניט. די שרעק פאַרהאַלט.
און אַלע ווערן זיי ווי שטיינער
מיט מענטשן־אָנבליק אין געשטאַלט.

און אַלע שטיינען זיי אַנטקעגן,
דאָס לעבן איז אָן דיר געווענדט.
און בלויז די שאָטנס זיך באַוועגן
ווי גורל־ווייזערס אויף די ווענט.

ה

און דו,
געלענט אָן ביקס —
דו רופסט זי מער ניט צום באַשיץ.
אין איינעם מיט דעם זונפאַרגאַנג די נאָנטסטע נעמען צאַנקען.
פון גרינעם אויגנווינקל שיסט ביי דיר אַרויס אַ בליץ
און אויפגעשניטן ווערן די געדאַנקען
ביי די,
וואָס דו האָסט זיי געזאַלבט פאַר מורדים און באַפרייער.
די צוואַנציק טויזנט קלאַפּן אין דיין האַרץ, אין דיין געדאַכט,
פאַריאושטע — זיי ווערן מער נאָך טייער.
און אויב ס׳איז ניט באַשערט דו זאָלסט דעם פאָלק דערזען אין שלאַכט,
דאַרף דאָס פאָלק אין דיר דערזען זיין גבורה.
דאַרפסטו מיט דיין קרבן מנצח זיין אַ דור
און אַריבערשטראַלן צו דעם מאָרגנקינד אַ בשורה:
— כ׳האָב אָפּגעגעבן גאָר, —
מיין חלום און מיין וואָר . . .

ו

דורך זיילן מיט פּורפּורנע שטויבן,
עס וואָגלט די זון נאָך אין שויבן.
אָ, דויער נאָך טייערע, דויער,
עס וויגט זיך די גאַס און דער טויער.
צוואַנציק טויזנט
אַרויף, אַראָפּ.
צוואַנציק טויזנט
פאַר איין קאָפּ.
און דער איינער ביסטו.
און ביי דיר צו די פיס —
אַ פרוי,
וואָס איז גרייט זיך לאָזן פערטלען

פאַר איר ליבשאַפט דורך נסיון דערקענט.
און ליפּן און הענט
צום לעצטן מאָל דיך וואַרעמען, צערטלען:
— „וועסט ניט פאַרגיין, ווייל דו ביסט דער גערעכטער . . ."
דו טוסט זיך אַ ריס
דורך די צוואַנציק טויזנט,
און אַ טויב דיך באַגלייט ווי אַ ליכט —
צו דעם שעכטער.

ז

דיין זיידע, דיין זיידע אויף קידוש־השם,
ביז צו דיר, מיט זיין פלאַקערדיק לייב
האָט די דורות באַפאַרבן . . .
און דאָ, ביי דעם ראַנד פון די דורות,
אין אייזערנעם קלעם,
ניט פאַר גאָט —
פאַרן פאָלק ביסט אַ קרבן!

די הענט געבונדן אויף הינטער —
צעבראָכן.
אויגן — צעשטאָכן
מיט גלאַנציקן שפיז.
נאָר פאַר דער שיין פון די לעצטע פונקען
וואָס צוקן אין פייכטן אַש פון די לעכער, —
טראָגן זיך העכער
פאַר אַלע יתומים —
יונגע חיילות
ווי לייבן אין שטורעם,
דורך וועלדער און שטעט,
איבער חורבע און טורעם
און ברענגען דיר פרייד
אויף שווייסיקע אַקסלען,
און בייסן זיך איין מיט די ציין
אין ווילנע — —

ח

אין שטאָט אין באַפרייטער —
איז ווידער איצט אָונט
און זעכצנטער יולי.

איך קום ווי אַן עכאָ
פון ווייטע נשמות
און שאַר מיטן ביקס
די געבליבענע אַשן.
— — — — — —

אין שטאָט אין באַפרייטער
וואו ס׳קאַרטשען זיך גאַסן
אין טעמפּן גערודער,
און האַקנקרייץ־גופן
נאָך וואַלגערן אום זיך
צעטראָטן דורך רייטער —
זע איך דיך ווייטער
אָ, ברודער
מיין ברודער!

פון אונטער דעם אָקאַרשט פאַרלאָשענעם שייטער,
פון אונטער די ביינער אין רויכיקע תהומען, —
שטייגסטו,
געוויקלט אין וואַרעמע אָטעמס, —
פאַר אַלע וואָס זיינען געפאַלן — אַ נאָמען.
ביסט אַ רינג אַרום די זייל פון שטאַם,
אַ רינג וואָס טוט פאַרהיטן זי פון וואַקל.
ביסט דער ווינט וואָס טריקנט אויס דעם סם
און ס׳איז דיין נאָמען פון היינט אָן: סך־הכל.

ווילנע, 16 יולי, 1944.

און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום

. . . און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום
ווען יענער וועט הייבן פאַרחלשטע פויסטן
און פרעגן: ווער בין איך?

— דיין טאַטע האָט גלייביק פאַרהויבן זיין קאָפּ . . .
איבער אים איז אַריבער אַ פינצטער געפלייץ
מיט קאָכיקן אַש
און צעשמאָלצענעם שוועבל.
און מיטגעשלעפּט אים,
זיין ווייב,
זיינע קינדער,
שול און בית־עולם.
און מיטגעשלעפּט אויך די פאַרגאַנגענע דורות,
און די, וואָס באַהאַלטן
אין טראַכט פון דער צוקונפט . . .
ווייל דער, וואָס קומט אום
דערהרגעט די דורות
וואָס יורשן אין אים
און וואַרטן אויף אויסלייז, —
נאָר דו ביסט געבליבן,
ביסטו דער ירשן:
אַ זאָמענדל קדושה אין ווינטישע פינגער
פאַרבערעקלט אויף שטיינערדיק־חרובע פעלדער — — — —

אַ טיילכל, וואָס איז
אַ פאַרקלענערטע גאַנצקייט.

און אויב ער וועט פרעגן:
— און ווי איז מיין נאָמען?
ענטפער דעם יתום:
— דיין נאָמען איז פאָלק,
ווייל אַזוי האָט געהייסן דיין בערדיקער זיידע
אין אייביקן וואָגל אויף הינטישע וועגן . . .
און ווייל אין דיין טראָפּן
ראַנגלען זיך וועלטן,
און פעלקער דיך שלאָגנדיק
ווערן געשלאָגן
און פאַלן געבלענדטע
אויף אייגענע שווערדן —
איז וועב אין די נאַכטיקע פרעמדן
דיין פרילינג,
ריין ווי אַ קוואַל
קעגן ליכט פון באַגינען.
ווייל דו ביסט אַ בלוטיקער נס
און אַלצייטיק —

אַ טיילכל, וואָס איז
אַ פאַרקלענערטע גאַנצקייט — — — —

און אויב ער וועט פרעגן:
— פאַר וועמען?
איז ענטפער:
— פאַר יענע, וואָס וואַרצלען אַרויס פון דיין האַרצן
און וועלן דעם גייסט פון מיליאָנען
פאַרוואַנדלען
אין אַ וואַרעמער היים
פאַר אַלע יתומים . . .
פאַר די, וואָס אַליין וועלן קנעטן דעם גורל
נאָך אייגענעם חלום
נאָך אייגענעם פורעם . . .
און דו, וואָס דיין נאָמען איז פאָלק,

און דיין פּנים —
אַ חרובע נעסט
אָן פייגל,
אָן טענער, —
קלעטער אַרויף אויף די טרעפּ פון דער נאַכט,
באַגעגן דעם אויפגאַנג
און שריי אים אַנטקעגן:
— רייניק מיך זון אויף דאָס ניי
און זיי מוחל,
אַלץ וואָס געווען איז דעם גורלס אַ טעות,
— — — — — — — — — — — — — —
כ'וועל צוגרייטן אמתע טעג אָנשטאָט קברים,
כ'וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מיין אָרעם.
און דאָרטן וועט קומען די אייביקייט וואוינען
און טעג וועלן לייכטן אין גילדענע קרוינען!

12 פעברואַר, 1943

דערפאַר ווייל כ׳האָב געטרונקען ווייַן

דערפאַר ווייל כ׳האָב געטרונקען ווייַן און טרינקען ניט געטאָרט
ווען דו מיין חבר האָסט געוואַרט כ׳זאָל קומען דיך באַפרייען —
האָט ווידערשפעניקט קעגן מיר מיט האַס מיין אייגן וואָרט,
און ס׳האָט זיין גליענדיקע שאַרף צעשניטן מיר דעם רעיון.

דערפאַר ווייל כ׳האָב פאַרטויבט מיין האַרץ ווי מען פאַרטויבט אַ ביק,
ניט מיטגעצאַפּלט, ווען צו דיר עס האָט געאײַלט דער שעכטער —
איז האָבן ווערים אויסגעפּיקט זיך פון מיין עפּל גליק,
און ווי אַ קין־צייכן שטאַרצט געוועזענער געלעכטער . . .

10 יולי, 1941

אין קאַרצער

ניט אַנדערש: די פינצטערניש וויל מיך דערשטיקן!
די בלייענע מייז גריזשען אויס מיינע בליקן . . .
איך וואַרף זיך אין קאַרצער און זינק צווישן ווענט
וואָלט עפּעס געווען וואָס איז מענטשלעך, באַקענט?

דערטאַפּ איך אַ שטיקעלע גלאָז, וואו געפאַנגען
עס צוקט די לבנה אין גלעזערנע צוואַנגען.
פאַרגעס איך מיין זינקען אין פיבער געשפּאַנט:
— דאָס האָט דאָך באַשאַפן אַ מענטשישע האַנט!

און כ׳צערטל אין גלאָזיקן שאַרף די לבנה:
— „דו ווילסט? כ׳גיב מיין לעבן דיר אָפּ אַ מתנה!"
נאָר ס׳לעבן איז הייס און דאָס גלעזל אַ קאַלטס
און ס׳איז מיר אַ שאָד עס צו נעמען צום האַלדז . . .

סוף יוני, 1941.

עקזעקוציע

גראָב איך אַ גרוב ווי מען דאַרף, ווי מען הייסט!
זוך איך בעת־מעשה אין דר'ערד אויך אַ טרייסט.

אַ גראָב און אַ שניט און אַ ווערעמל קליין
נעמט צאַפּלען פון אונטן — דאָס האַרץ קען צעגיין.

צעשניידט אים מיין רידל און — וואונדער דערביי:
צעשניטענערהייט ווערן צוויי, ווערן דריי.

און ווייטער אַ שניט, ווערן דריי, ווערן פיר,
און אַלע די לעבנס באַשאַפן דורך מיר?

קומט ווידער די זון אין מיין טונקל געמיט
און אַ גלויבן נעמט שטאַרקן מיין אָרעם:

אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט אונטער דעם שניט
ביסטו ווינציקער דען פון אַ וואָרעם?

22 מאַי, 1942

אַ רגע

אַ רגע איז געפֿאַלן ווי אַ שטערן,
האָב איך זי אָנגעכאַפּט אין מײַנע צײַן,
און ווען זיי האָבן אױפֿגעהאַקט איר קערן,
האָט אויף מיר אַ שפּריץ געטאָן אַ קיניגרייך געוויין.

און יעדער טראָפּן האָט פֿון זיך געשפּיגלט,
אַן אַנדער חלום און אַן אַנדער מיין:
דאָ, — אַ וועג מיט טויזנט הענט באַפֿליגלט,
דאָ, — אַ בריק צום חלום צו דערגיין.

און דאָ — מײַן זיידע מיט אַ שלאַנג צוקאָפּן,
און דאָ — מײַן קינד צעשמעטערט אָן אַ שטיין.
כ'האָב אויך געפֿונען דאָרט אַ פֿרייען טראָפּן,
האָב איך אין אים פֿאַרשלאָסן זיך אַליין.

7 אַפּריל, 1943.

צום חבר

. . . אומגעבראַכטער חבר
ביים שטעכעדיקן פלויט, —
דריקסט נאָך צו דיין האַרצן
דאָס דאַרע שטיקל ברויט.
מוחל זיי מיין הונגער
און מוחל זיי מיין מוט, —
כ׳האָב דיין ברויט געביסן
דיין ברויט אין פלעקן בלוט.

נאָמענלאָזער חבר,
איך ווייס שוין ווי דו הייסט:
זאָל דאָס ברויט אין פלעקן
אויך זיין פאַר דיר אַ טרייסט.
ווי דעם פאָלקס אַ נערונג
פון היילנדיקער שיין, —
מיטן ברויט צוזאַמען
ביסטו אין מיר אַריין.

שוויגנדיקער חבר,
איך זאַפּ דיך איין און לעב.
מאָן ביי וועלט אַ חשבון
דורך יעדער מיין געוועב.
אויב ווי דו כ׳וועל פאַלן
ביים שטעכעדיקן פלויט —
זאָל אַ צווייטער שלינגען
מיין וואָרט ווי איך דיין ברויט.

30 דעצעמבער, 1941

איך ליג אין אַ מיטה

איך ליג אין אַ מיטה, —
ווי אין הילצערנע קליידער,
איך ליג.
זאָל זיין, ס'איז אַ שיפל
אויף שטורמישע כוואַליעס,
זאָל זיין, ס'איז אַ וויג.

און דאָ,
וואו עס האָבן זיך גופן
געשיידט מיט דער צייט —
רוף איך דיר, שוועסטער, —
און דו הערסט מיין רופן
אין ווייט.

וואָס טוט זיך אין מיטה אַ צאַפּל
אַ לייב אומגעריכט?
דו קומסט.
איך דערקען דיין שוואַרצאַפּל,
דיין אָטעם.
דיין ליכט.
— — — — — — — — — —

אַזוי איז אַפּנים דער סדר:
היינט דאָ,
מאָרגן דאָרט,
און איצט אין אַ מיטה, —
ווי אין הילצערנע קליידער,
זינגט אַלץ נאָך מיין וואָרט.

30 אויגוסט, 1941.

ווי נאָענט און ווי ווייט

א

. . . אַ הינקעדיקער מויער.
און עס קריכט
אַ קלעטערפלאַנץ געוועב פון מעריבס ליכט
אַלץ העכער אויף דער קרישלדיקער וואַנט, —
און פאַלט צו מיר אַראָפּ אין סאַמע האַנט . . .
איך גיי פאַרביי און טראַכט:
איך האָב נאָך אויגן
וואָס האָבן ניט פאַרקויפט די ליכט פון וועלט. —
נאָר וואָס האָט מיך אַ ציטער גלייך באַצויגן?
די וואַנט האָט ווען סודותדיק פאַרשטעלט . . .
ווען כ'וואָלט זי דורכגעבראָכן און אַריין,
דערזען וואָלט איך קען זיין
אַ מענטש, אויף שטרויענעם געלעגער,
וואָס ראַנגלט זיך
מיט לעצטן טראָפּן צייט . . .

ווי נאָענט און ווי ווייט!

ב

אַ פרילינג־ערד.
און גראָזן פּייכט און ווייך
צערטלען מיך און לעקן מיינע גלידער.
וואָס ווייס די נידער וועגן הייך?
וואָס ווייס די הייך
פון דעם, וואָס אין דער נידער?
קען זיין,
אַ פּיצל גרעזל טיילט מיך אָפּ
פון דעם, וואָס חלומט אונטן
און צו ווען
עס יאָגן מיינע שלייפן אין גאַלאָפּ.
פון דעם, וואָס איך האָב ליב, און טו פאַרנעמען

דעם ניגון פון זיין גוף
אין פרישן גראָז באַנייט. — — —

וי נאָענט און וי ווייט!

ג
און אָט איז נאַכט.
איך זע — אַ העלע ראָד
באַרינגלט זיבנפאַכיק מיט אַרמייען!
און איך אינמיטן אויף אַן עשאַפאָט.
די שונאים רק דערנענטערן זיך, גייען.
די ראָד ווערט ענגער, ענגער.
איך — געשמידט.
שוין הילכן אין מיין האַרצן אָפּ די טריט.
שוין פליט
די ערשטע פייל
מיך צו געפינען.
אַ צווייטע און אַ דריטע
יאָגן איבער אין געאייל,
און אַלע פיילן צילן אין מיין זינען.
נאָר ס׳איז גענוג אַ ליד —
און זיי צערינען.
דער עשאַפאָט — צעשמאָלצן,
איך — באַפרייט.

וי נאָענט און וי ווייט!

30 יולי, 1942.

צווי ברידער

דו שטילער, דו אײנציקער ברודער, מיר שטײען דאָך בײדע פֿאַרשמידט
צו טויערן צווײ פֿון דערװײטן . . . דו לויערסט אין ירושלים,
און איך צװישן געסלעך זיבן — אין ירושלים דליטע,
וואו אין צעבראָכענע לוחות געפֿין איך אַ כּוח אַ בײעם.

און יעדער באַגינען מיר זעען: אַזוי ווי די זון פֿון דער נידער,
גײט אויף אונדזער אײנציקע מאַמע און זאַלבט אונדז מיט בלוטיקע שטראַלן.
— „אין שטוב זײט איר ווײטע געוועזן, אין ווײטקײט זײט נאָענט, איר ברידער,
שטרעקט אויס איבער לענדער די אָרעמס, און לאָזט ניט די טויערן פֿאַלן".

עס דרינגען די ווערטער אין בײדן . . . דו קוקסט אויפֿן מדבר אין לויער,
און וואָלסט אויף באַשיצן דײן פֿעסטונג, פֿאַרמויערט דײן קינד פֿאַר אַ ציגל!
און איך מיט אַ האַק אין די פֿויסטן, איך לאָקער אַצינד לעבן טויער,
אויף היטן די שטים פֿון דער מאַמען, אויף ניט צו פֿאַרשעמען מײן וויגל.

און גלײך ווי דו ווילסט ניט דער שונא זאָל איבערן כּותל מערבֿי
זײן האַקנקרײץ הענגען — וויל איך ניט ער זאָל דאָ אַ שטײנדעלע שענדן.
און זע איך צעטראָטענע גופֿן — איז ווער איך אַ ווילד זײער נבֿיא:
— „מײן לײדנדיק פֿאָלק, ס'וועט דײן קרעכצן די אײזערנע מערדער פֿאַרלענדן".

דאָס יאַטקעווער געסל אין חורבֿות, איז הײליק בײ מיר ווי דײן היכל.
אַ פֿרוי צו פּאָנאַר* אויף די וועגן — זי ווערט ווי די מאַמע מיר טײער;
איך טראָג אויף די ליפּן דעם צאָרן פֿון יעדנס דערהרגעטן שמײכל,
אין פֿידלער וואָס שפּילט אויף זײן האַרצן, פֿאַרנעם איך דעם קלאַנג
פֿון באַפֿרײער.

נאָר גוט איז מיר דאָ מיט דער לאַטע, אַז דו ביסט מיט דראָט ניט פֿאַרבונדן,
דו טראָגסט אין די אויגן דעם מזרח, — ווי איך דאָס געשרײ פֿון די שטײנער,
דער מאַמעס געהײליקטע בענטשליכט, וואָס לויכטן אין אונדזערע וואונדן,
זײ לײטערן בײדנס גורלות, און דעמאָלט פֿון בײדע ווערט אײנער.

---

* פּאָנאַר — דאָס אָרט פֿון די מאַסן־עקזעקוציעס הינטער ווילנע.

און דעמאָלט געפֿין איך אַ טרייסט מיר, און ווי קען איך אַנדערש דען גלייבן?
אַז ניט פֿאַר אומזיסט זיינען לענדער צעאַקערט מיט אונדזערע קברים,
אַז יעטוויידער פּלאָג און מגפֿה האָט מער אונדזער פֿאָלק נאָך דערהייבן,
און כ'זע ווי עס וואַקסט פֿון די גריבער אַ שווערד אין אַ מעכטיקן אָרעם.

און ביידע מיר זעען זיך דאָרטן, — צוויי ווייטע, צוויי נאָענטע ברידער,
דו אָטעמסט מיט ריחות פֿון צעדער, מיט מדברשן ווינט און מיט ימען.
און איך טראָג פֿאַר דיר אַ מתּנה — אין געטאָ געשריבענע לידער,
און איבער אונדז ביידן די ברכה פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענער מאַמען . . .
15 מאַי, 1942.

צו דרייסיק יאָר

מיין טאַטן האָט צו דרייסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ,
ביים שפּילן
ר' לוי יצחקס ניגון אויף אַ פידעלע, פאַרנאַכט — — — —
די פידל האָט געצאַפּלט אויף זיין אַקסל ווי אַ קינד,
און איך שפּראַך —
אַ ליכטיקער מאַגנעט,
האָט צוגעצויגן
די ווייטע וועלט אין שאָטנדיקן כוטאָר,
וואו איך, אַ זיבניעריקער בעל־חלום,
האָב אַרום די פּאָטערלעכע קניען
זיך געוויקלט.

ס'איז געווען אין ליכטיקן סיביר.
געווען.
געווען.
אַ זונפלעק,
צי דער הייסער צונג
ביים פרירנדיקן וואָלף —
האָט געלעקט די שנייען אויפן שייבל,
און ניט געקענט אַדורכשמעלצן אינגאַנצן. —
ס'האָט זיין ליכט
באַלויכטן בלויז די אָפּגעהאַקטע קלאַנגען
פון דער פידל
און דורכגעשטריפט מיין פייכטן אויג מיט פונקען.
פלוצעם האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ
דער בלייכער טאַטע,
געטאָן אַ צוק,
אַ וואַקל
מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם,
און אויף די הענטלעך מיינע
האָט אַ פאַל געטאָן זיין גוף
צוזאַמען מיט דער פידל — — —

ווי עס פאַלט אַ שווערע צווייג
אַרונטער אויף אַ גרינגער כוואַליע
און די כוואַליע טראָגט אים
— — — — — — — — — — — —

אויבן — האָט געשוועבט אַ ניגון.
אונטן, אויפן דיל,
האָט ביים טאַטן אויסגעפעלט שוין אָטעם.
און צי איך וויל זיך איינרייַדן
צי מיינע רייד איז וואָר:
ליגנדיק שוין צוגעאייביקט צו אַ קאַלטן שווייגן
האָבן זיינע ליפּן מיר פאַרטרויט:
— „אַזוי מיין קינד,
פּרואוו אויס אויף דיינע הענט די וואָג פון לעבן
כדי דו זאָלסט זיך צוגעוויינען,
שפּעטער צו דערטראָגן . . . ”

אין יענער רגע
איז אין מיר געבוירן דער פּאָעט.
איך האָב דערפילט:
עס דרעמלט ערגעץ אין מיין לייב אַ קערן
וואָס טראָגט אין זיינע אינגעווייַדן
אַ באַשטימטע שליחות.
מיר האָט געדאַכט, איך ווער דער האַר
פון וועלדער,
מענטשן,
זאַכן.
און אַלץ נאָר וואָס איך זע
איז מיין פאַרקערפּערטער פאַרלאַנג.
פון דעמאָלט גייט מיר נאָך
דעם טאַטנס לויטערע צוואה:
— „אַזוי מיין קינד,
פּרואוו אויס אויף דיינע הענט די וואָג פון לעבן
כדי דו זאָלסט זיך צוגעוויינען
שפּעטער צו דערטראָגן” . . .
און איצט,
בין איך אַליין דערלאָפן צו דעם טאַטנס עלטער.

דערלאָפן —
און ניטאָ קיין וועג צוריק
און ניט פאַראויס.
און ווען איך מערק מיין פנים
אין אַ שפיגל, —
קוואַלט פון זיינע כוואַליעס מיר אַרויס
דער ווייטער טאַטע.
און אפשר בין איך ער, און מיינע יאָרן
זיינען בלויז אַ קייטלונג
פון זיין אָפגעשיידטן לעבן?
דער זעלבער פנים ווי ביי אים, —
דערמאָנט אָן שניי אויף שויבן . . .
דאָס זעלבע האַרץ
וואָס גרייט זיך אויף צום פלאַצן,
און אויך אַ רויטינק פידעלע
פאַרמאָג איך ווי דער טאַטע:
זעט, איך רייס די אָדערן
און שפיל אויף זיי מיין ניגון!
— — — — — — — — — — — —

נאָר קיינער איז ניטאָ
אַרום די קניען זיך צו וויקלען,
און אָפּוועגן מיין לעבן,
ציען ווייטער
ווי אַ ווינט,
מיין בענקשאַפט־וואָלקן צו אַ קלאָרן ציל,
אַהין,
וואו אַלע ווערטער קומען רוען,
וואו עס טרעפן זיך צוזאַמען טעג,
ניט באַגעגנט קיינמאָל
איינס דעם צווייטן.
— — — — — — — — — — — —

ווי אַ שטיין פאַרקלאַמער איך אין פויסט
די דרייסיק יאָר,
און שליידער זיי אין תהום
פון קאַלטן שפּיגל.

.אויגוסט, 1943

אַ נעם טאָן דאָס אייזן

די יחוסדיק־אַלטע געשיכטלעכע וואונדן,
עס האָבן די זיידעס אין תפילין געבונדן.
מיר טראָגן זיי אָפן, אָן צודעק, אָן פּאַנצער,
דאָס איז אינעם פּיין דער פאַרמעגן דער גאַנצער.
נאָר אויכעט די וואונדן צערייבן די שונאים,
פאַרברענען, דערשטיקן מיט ערד די סימנים.
און מיר וואַרטן שטיל אַז אַ נס וועט זיך ווייזן?
ניט וואַרטן באַרוט,
מיט בלוט פאַר בלוט, —
אַ נעם טאָן דאָס אייזן!

מיר קענען די גופן אין גייסט ניט פאַרוואַנדלען
און פריידיק אין ליכטיקע שייטערן וואַנדלען...
נאָר ס'אייזן פאַרקערן אין גייסט קענען יאָ מיר
ווען ס'טרייבט אונדז דער טייוול צום שעכט־הויז, טאָ לאָמיר!
און פריי אין דער ליבע, און שטאָלץ אין דער גלייבונג;
דאָס פאַלן זאָל ווערן דעם פאָלקס אַ דערהייבונג,
און דעמאָלט — מיר וועלן די שאַנד איבערשפּרייזן...
ניט וואַרטן באַרוט,
מיט בלוט פאַר בלוט, —
אַ נעם טאָן דאָס אייזן!

זאָל אָפּדאַרן יענעם דער אָרעם דער רעכטער,
אויב ער וועט ניט וואַרפן זיך קעגן דעם שעכטער!
מיר מוזן דערפילן די לעצטע געבאָטן
פון אַלע, פאַרשלונגען אין אייביקן שאָטן;
עס זאָל ניט פאַרשעמט זיין דאָס הייליקע פלעמל
וואָס צאַנקט און גייט אויס אינעם אַשיקן דרעמל,
און האָט ניט קיין כוח מיט וואָס זיך צו שפּייזן.
ניט וואַרטן באַרוט,
מיט בלוט פאַר בלוט, —
אַ נעם טאָן דאָס אייזן!

13 אַפּריל, 1943.

די פעסטונג

א

די פעסטונג איז אַלט,
אַזוי טרויעריק אַלט,
אירע שטויבן — צעפּאַלענע שטערן.
ס׳האָבן זיידעס געקלעפּט איר געהיימע געשטאַלט
פון ליימען געווייקטע אין טרערן.

אַ האַלבן יאָרטויזנט געבויט און געבויט, —
אָ, ווייטע געדולדיקע
זיידעס !

עס וואַכן פאַרקנאָטענע ביינער
אין ווענט,
ווי פונעם גורל די עדות.

און הער זייער קול :
ניט פאַרזאַם,
ניט פאַרזאַם,
רייניק
דעם שטאָל,
פאַראייניק
דעם שטאַם,

אַ וואַנט קעגן שרעק, און אַ וואַנט קעגן טרויער,
און ס׳אייגענע לייב אין דער פעסטונג פאַרמויער !

ב

ביינאַכט איז די פעסטונג פאַרלאָשן,
בלויז די שנאה גליט,
די גאַס האָט פאַרלוירן איר לשון —
די הייסע גאַלאָפּיקע טריט.

נאָר טיף אונטער אײַזן און ליים
נעמען די שיכטן צעפֿאַלן;
מע בויערט, מע בויט אין געהיים
עס ציען זיך ליכט דורך קאַנאַלן . . .

דאָ גראָבט מען אַ פֿעסטונג אַ צווייטע —
אין שטיינערנעם צאָרן — אַ שאַכט.
און קנויטן פֿיבערן גרייטע
אַ צונד זיך צו געבן אין שלאַכט.

14 יולי, 1943.

די בלייענע פּלאַטן פון ראָמס דרוקעריי

מיר האָבן ווי פינגער געשטרעקטע דורך גראַטן
צו פאַנגען די ליכטיקע לופט פון דער פריי —
דורך נאַכט זיך געצויגן, צו נעמען די פּלאַטן,
די בלייענע פּלאַטן פון ראָמס דרוקעריי.
מיר, טרוימער, באַדאַרפן איצט ווערן סאָלדאַטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גייסט פונעם בליי.

און מיר האָבן ווידער געעפנט דעם שטעמפּל
צו עפּעס אַ היימישער, אייביקער הייל.
מיט שאָטנס באַפּאַנצערט, ביי שיין פון אַ לעמפּל —
געגאָסן די אותיות אַ צייל נאָך אַ צייל,
אַזוי ווי די זיידעס אַמאָל אינעם טעמפּל
אין גילדענע יום־טוב־מנורות — דעם אייל.

דאָס בליי האָט געלויכטן ביים אויסגיסן קוילן,
מחשבות — צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות.
אַ שורה פון בבל, אַ שורה פון פּוילן,
געזאָטן, געפלייצט, אין דער זעלביקער מאָס.
די יידישע גבורה אין ווערטער פאַרהוילן,
מוז אויפרייסן איצטער די וועלט מיט אַ שאָס! —

און ווער ס׳האָט אין געטאָ געזען דאָס כלי־זין
פאַרקלאַמערט אין העלדישע יידישע הענט —
געזען האָט ער ראַנגלען זיך ירושלים,
דאָס פאַלן פון יענע גראַניטענע ווענט.
פאַרנומען די ווערטער, פאַרשמאָלצן אין בלייען,
און זייערע שטימען אין האַרצן דערקענט.

12 סעפּטעמבער, 1943.

סטראַשון־גאַס צוועלף

א

דורך געסלעך יאָגט דאָס מיליטער —
אויף מאָרדן, אונטערצינדן, רויבן, —
באַהאַלטן הונדערט זיך אין דר׳ערד,
און ווייסן ניט וואָס טוט זיך אויבן.

זיי ליגן מיד. זיי ליגן גראָ,
די הונדערט גליווערדיקע שכנים.
און קיינעמס פּנים איז ניטאָ,
ווייל ס׳איז קיין ליכט ניטאָ ביי קיינעם.

נאָר יעדער שאָטן טראָגט אַ פונק,
אַ זעעוודיקן פאַר דעם שאָטן,
דער פונק איז ווייסער פאַר דער שרעק
וואָס האָט זיי אַלעמען פאַרקנאָטן.

באַלייכט דער פונק דעם גרונט פון האַרץ,
ווי ס׳לייכט אַ שטערן אין אַ ברונעם;
אין האַרצן איז געוויין, געוויין,
און טיפער — דעם געוויינס ניגונים.

צי איז דאָס לעבן שטאַרק ווי טויט,
צי האָט אַ האַפט דער הוילער גלויבן?
ס׳באַהאַלטן הונדערט זיך אין דר׳ערד,
און ווייסן ניט וואָס טוט זיך אויבן.

און אויבן יאָגט דאָס מיליטער,
מע שלעפּט המונים צו דער שחיטה:
עס ראַנגלען זיך פאַר זייער פאָלק,
די לעצטע יידן פון דער ליטע.

אַ מיידל שליידערט אַ גראַנאַט . . .
די דייטשן טרעטן אָפּ פאַרוואונדערט,
נאָר ס׳רויכערט זיך דערביי אַ קנויט
און ס׳פאַלט אַ מויער אויף די הונדערט.

ב

און די וואָס גליוועדן אין הייל, —
זיי מיינען ס׳איז די שרעק אַריבער.
אומזיסט די טרייסט. עס קומט אַריין
דער תליון הונגער אין די גריבער.

דער תליון הונגער ווייזט אַ שטריק
און מאָנט זיין שטייער ביי די שאָטנס,
פאַרשליסט די ריפּן מיט אַ רייף,
און שפּרייט אַ ריח פון געבראָטנס.

ער צווינגט פאַרזוכן פייכטן זאַמד,
ער שיילט אַראָפּ פון מאַרך דעם דרימל,
פאַרבייט אויף האָניק דעם געשטאַנק,
און מאָלט אין אויג אַ ברויט מיט קימל.

און אויב עס צאַפּלט נאָך אַ וואָרט, —
פאַרשטיקט ער עס מיט שוואַרצער סלינע,
ער שמעקט אין יעדערן דעם טעם
און שפּרייט צום נאָענטסטן אַ שנאה.

און שטילערהייט, בסאָמע סוד,
עס הערט ניט נאַכט, עס הערט ניט קיינער —
ער שפּייזט מיט מענטשנפלייש די נאָז,
און שלייפט די אָפּגעטעמפּטע ציינער.

און שאָרך נאָך שאָרך, מיט שאָטנטריט,
עס קריכן גופן, קריכן, זשיפּען,
און ציינער ציען זיך פאָראויס,
און ליפּן שליסן זיך אין ליפּן.
— — — — — — — — — — — —

און אויבן — צאַנקט די אַלטע שטאָט,
פאַרגייט אינאיינעם מיטן זומער.
און ס׳ליגט דער נביא אינעם אַש,
מיט אויסגעברענטן צונג — אַ שטומער.

10 נאָוועמבער, 1943.

באַגלייטליד ביים אַוועקגיין אין וואַלד

וואַקסט אַרויס איר העלדן, פעסטע איינגעשפּאַרטע יונגען,
וואַקסט אַרויס איר צוקונפט־זין, און זייט דער וועלט באַוואוסט.
גאָר דער ווילן פונעם פאָלק, איז אונטערערד פאַרשלונגען,
קלייעט זיך — אַ לאַוועדיקער שטראָם אין אייער ברוסט.

אויב עס האָט פאַרזשאַווערט אין דער וואָגלעניש דאָס אייזן:
פיילט פון אים אַראָפּ די נעכטנס און אים שלייפט אַצינד.
קיינמאָל איז ניט שפּעט דעם פאָלקס נקמה צו באַווייזן:
אויסצוקויפן מיט געווער די דורות־דיקע זינד.

ס'האָבן שטעט פאַרוואַנדלט זיך אין שטיינערנע פאַרעטער,
צוגעשמידט צו זידנדיקע גריבער אייער גאַנג.
האָבן וועלדער אייך באַגריסט מיט זינגענדיקע בלעטער:
— „קומט צו אונדז איר טייערע, און לייטערט דעם פאַרלאַנג".

לויב צו אייך איר ניי־געזאַלבטע גבורה־דיקע גייער,
אייער פוס האָט אָפּגעשטופּט דעם לאָקערדיקן ראַנד . . .
ס'האָט אין אייך אַ גלאַנץ געטאָן דער רום פון מאַקאַבייער
ווי מיט יאָרן צוויי טויזנט צוריק אין אייגן לאַנד.

שטענדיק זיינען דאָ צו דר'ערד געבויגענע און מידע,
ווי דעם קנעכט, אין האָפענונג אויף רחמים — ביי אַ קנעכט.
ווי די מאַקאַבייער בלאָזט פאַנאַנדער די מרידה,
זאָל דער כבוד אויפלויכטן אין שווערדיקן געפעכט!

10 סעפטעמבער, 1943.

און אויב מיין פאָלק וועט בלייבן בלויז אַ ציפער

און אויב מיין פאָלק וועט בלייבן בלויז אַ ציפער, —
באַשווער איך עס: פאַרגיי פון מיין זכרון.
און זאָלן אַלע קברים זינקען טיפער
און זאָל קיין שטויב ניט בלייבן פון די יאָרן.

און אויך מיין ביקס טו איך אַצינד באַשווערן:
פאַרוואַנדל זיך אַ שלאַנג אין מיינע הענט,
אויב נאָר דער מאָרגנקינד וועט ניט דערהערן
דעם שאָס, וואוהין איך האָב אים איצט געווענדט.

30 יאַנואַר, 1944.

דער פּרוּוו

א

ניט צייל די צאָל מיט וואונדן,
וואָס האָבן אונדז באַגורט.
האָסט דעמאָלט דאָך געצונדן,
דעם שטערן פון געבורט.

עס האָט אין הייל אַ קוועלכל
צופוסנס דיר געקוועלט,
און פּלוצעם האָט אַ קולכל
באַרירט זיך מיט דער וועלט.

און ווי דער קוואַל דער ריינער
אַנטפּלעקט האָט זיך דאָס וואָרט,
נאָר אויבן האָט אים קיינער
דערהערן ניט געטאָרט.

און כ׳האָב מיט נייעם גלויבן,
געקניט פאַר דיר מיט דאַנק.
און דיר געבראַכט פון אויבן
צוויי גרעזלעך אַ געשאַנק.

ב

אַ קינד איז ניט קיין צווייטער, —
ס׳איז דו אַליין און איך.
עס פירט אונדז אויף אַ לייטער,
אַלץ נענטער צו זיך.

נאָר איידער נאָך אַ נאָמען
מיר האָבן אים פאַרטראַכט —
עס האָבן העק און לאָמען
גענישטערט אין דער נאַכט.

ווען ס'קינד האָט נאָך געדרעמלט,
און קיין זאַך ניט געוואוסט —
עס האָט אַ דייטש אים דעמאָלט
אַ ריס געטאָן פון ברוסט.

און וואָס קען אונדז פאַרבייטן,
מיין טייערע, אַצינד,
ווען ס'גליען פונדערווייטן,
די ביינדעלעך פון קינד!

ג

מיר ציען זיך אָן אָטעם,
דורך זומפיקן געוויקס.
און ווי דעם קינדס אַ שאָטן,
דו טראָגסט אויף זיך אַ ביקס.

און יעדער מאָל ווען ס'רייסט זיך
פון ביקס אַרויס דאָס בליי,
אין ליכט זיינעם באַווייזט זיך
דאָס קינדעלע אויפסניי.

עס פילט אונדז אויס דעם זינען
ווי לופט פילט אויס די וועלט,
אין ראָז פון דעם באַגינען
באַווייזט זיך עס אין פעלד . . .

און איבער אַלע וואונדן,
וואָס האָבן אונדז באַגורט —
ער איז נאָך ניט פאַרשוואונדן,
דער שטערן פון געבורט.

30 סעפּטעמבער, 1943.

זינג ניט קיין טרויעריקס

זינג ניט קיין טרויעריקס.
טו ניט פאַרשעמען
דעם טרויער.
ווערטער פאַרראַטן.
עס שטעלן זיך נעמען
קאַפּויער.

קוק אויפן שניי
און באַלייכט מיט זיין רו
דיין זכרון:
ליכט איז די שפּראַך פון דיין האַרצן...
און דו —
גיי געבאָרן.

שטרעק דיינע פינגער צום שניי
צו די קאַלטע
געוועבן.
אויסלייזן וועסטו אין זיי
דאָס באַהאַלטענע
לעבן.

5 פעברואַר, 1944.

געבורט

דרינגט אַריין אַ רעגן דורך די צווייגן פון שאַלאַש,
און די טראָפּנס פאַלן אויף די פונקעלעך אין אַש.

ליגט אין ווינקל, צוגעדעקט מיט בלעטער און מיט שטרוי,
לעבן ניי־געבוירענעם — אַ פיבערדיקע פרוי.

קוקט זי אויף אַ טראָפּן ווי ער שימערט און צערינט, —
זוכט זי אין זיין שפּיגעלע אַ נאָמען פאַרן קינד.

שפּרינגען טויזנט נעמען אויף, און דרייען זיך פאַרביי,
שרעקן זיי און שמעלצן זיך מיט פנימער פון בליי.

וויינט דער ניי־געבוירענער: ניט דאָס איז מיין פאַרלאַנג . . .
נישטערט אין דער מאַמעס מילך דעם אויסגעבענקטן קלאַנג.

ביז דורך זיסער טונקלקייט אַ נאָמען זי געפינט —
אירע ליפּן הויכן אויס: מיין גאָטעניו, מיין קינד! . . .

27 פעברואַר, 1944.

גאָלדע

. . . און ווען דורך נאַכט, אין ווילדערניש אין ווייטער,
האָט דורכגעריטן גאָלדע ס'ערשטע מאָל —
האָט זיך געדאַכט: אַ פליענדיקער שייטער
דורך באַרג און טאָל.

באַגינען האָט געבלויט פון אירע אויגן,
און יעדער פּאַרטיזאַנער האָט געפילט:
דער וואַלד מיט גאָלדעס שמייכל ווערט באַצויגן
און העל באַגילדט.

דאָס ערדן־שטיבל אונטער מאָך און קאָרע
האָט זיך צעבליט מיט פרילינג ווי אַ בייט,
ווי ס'וואָלט אַהין אַריין די וועלט די גאָרע
מיט יונגער פרייד.

פאַרוואונדעטע גבורים האָבן ווידער
געהויבן זיך פון אָרט, שוין ניט גערוט, —
וויל גאָלדעס שמייכל האָט געהיילט די גלידער,
דערפרישט מיט מוט.

אין מאַרש, אין לויערונג, ביים רייסן בריקן,
אין הייסן אין האַרטנעקיקן געשלעג,
עס האָבן ווי באַפוילן גאָלדעס בליקן:
— פאָראויס אין וועג!

נאָר אין אַ נאַכט אַ קוואַלנדיק־מאַיאָווע,
בעת גאָלדע האָט געלויערט אויף אַ באַן,
האָט עפּעס העכער זיך צעקלאָגט אַ סאָווע
צום פּאַרטיזאַן.

און ווי ס'האָט אונדזער שמייכלדיקע שוועסטער
דערהאָרכט דעם רויש פון רעדערדיקע טריט,
און ווי זי האָט דעם קנויט געוואָרצלט פעסטער
צום דינאַמיט.

און ווי זי האָט מיט אויג און האַרץ געשלונגען
די זעאונג פון דעם אויפגעוואַכטן פלאַם, —
איז אין דער לופט דער עשאַלאָן צעשפּרונגען
מיט איר צוזאַם . . .

אַ חבר האָט געפונען בלויז פון גאָלדען
אַ האַנט אין גרינעם גראָז . . . און איז מיט איר
אין וואַלד געקומען און געמאָלדן
דעם קאָמאַנדיר.

און ס'האָט דער קאָמאַנדיר, אַ קוים באַהערשטער,
פאַרביי זיין מחנה טראָט נאָך טראָט געשפּאַנט,
דערציילט אונדז וועגן גאָלדען, און דער ערשטער
געקושט די האַנט.

און צוואַנציק זאַלפן האָבן זיך געהויבן,
און צוואַנציק מאָל האָט ס'האַרץ געטאָן אַ ברויז.
דערנאָך האָט מען די האַנט פאַרשאָטן. אויבן —
פאַרזייט אַ רויז . . .

און רונד־אַרום דער רויז, און העכער, ווייטער, —
עס וואָגלט גאָלדעס שמייכל, ווי אַמאָל,
ווען זי האָט דורכגעריטן ווי אַ שייטער
דורך באַרג און טאָל.

19 יאַנואַר, 1944.

כל=נדרי

(פּאָעמע)

[דערציילט פון אַ געבליבענעם]

כל-נדרי *

[דערציילט פון אַ געבליבענעם]

א

. . . האָט מען אונדז פאַרטריבן אין אַ שטייג פון צוויי-דריי געסלעך
און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט צו הונדערט און צו טויזנט,
ווי פיבערדיקע רויפלייש,
און געוואָרפן פאַר די חיות . . .

זיינען מיר געלעגן אין די קעלערן און לעכער,
גלייך ווי אין געוועלבטע אונטערערדישע פּאַלאַצן,
מיט ווייב און קינד,
אויך קינד, וואָס דאַרף געבוירן,
— איין וואונדיקער געפלעכט,
איין פיבערונג,
איין פלאַצן.

* „כל־נדרי" קען אויסזען אויסגעטראַכט, אומגלייבלעך, ס׳איז אָבער, כ׳וואָלט געזאָגט, אַ רעאַליסטיש געמעל פון אַ געשעעניש, וואָס כאַפּט אַרום די צייט, ווען דער געסטאַפּאָ־אָפיציר שווייַנענבערג האָט אין האַרבסט 1941 ליקווידירט אין ווילנע די אַזוי־גערופענע „צווייטע געטאָ". דער ייִד, וועמען איך רוף אָן ביים אמתן נאָמען, האָט מיר אַליין דערציילט, ווי אַזוי אין תפיסה אויפן הויף, וואו מען האָט צו ערשט געבראַכט די ייִדן, האָט ער דערקענט זיין זון דעם רויטאַרמייער, וועמען ער האָט צוואַנציק יאָר ניט געזען. ניט וועלנדיק, אַז דער פאַרוואונדעטער זון זאָל געפּייניקט ווערן, האָט ער אים דערשטאָכן. נעמענדיק דעם דאָזיקן פאַקט, האָב איך גלייכצייטיק געפּרוּווט איבערגעבן דעם פּאָן, די שטימונג פון יחיד און מאַסע און דער עיקר — די איבערלעבונגען פונעם אַלטן ייִדן, וואָס דער טויט האָט ניט געהאַט אויף אים קיין שליטה.—א.ס.

און ס׳איז געווען אַ טאָג —
אַ, ווער וועט ברענגען אים צו משפּט? —
אַ טאָג, וואָס האָט אַ בלענד געטאָן
מיט אפשרדיקן צוזאָג,
און אָנגעבליט רחמנותדיקע שיין
אויף בלינדע שייבלעך,
און דורכגעשניטן שטיינער:
— היינט אין אָוונט איז יום־כּיפּור . . .

האָבן זיך צונויפגעקליבן פאַרמאַטערטע יידן,
פון בוידעמער פאַרשפּונענע
און ברונעמדיקע קעלערס,
אין לויכטנדיקער קלויז פון ווילנער גאון.
זיך אויפגעקליבן צו כל־נדרי
גלייך ווי צו אַן אויפשטאַנד.
און צווישן דער צונויפגעקלעמטער, יום־טובדיקער עדה,
באַפּלעמלט זיבן־פאַרביק
מיט די תּפילהדיקע ליכטן —
בין איך אויך געווען,
איך,
דער לעצטער פון געזינד.
נאָר ניט איך האָב געשלאָגן זיך מחילה
אינעם האַרצן,
נאָר ניט איך האָב געבעטלט
שטיקלעך טעג און ברעקלעך מזל, —
ווייל גאַרנישט מער באַדאַרף איך שוין,
און איבעריק אַ באַשיצער . . .
דאָך האָט מיר אַ לייכט געטאָן פון אונטער מיינע הויטן
אַ צאַנקענדיקע יאָרצייט־ליכט,
און בליקנדיק דערינען,
האָט מיין האַרץ אַרויסגעפּלאַצט
פאַר עמעצן אַ נאָנטן,
וואָס האָט מיט קאַלטע פליגל
מיר אַ ברען געטאָן דאָס פּנים:

„מיט וואָסער צוגעגרייטן ווייטיק וועסטו מיך נאָך נערן,
און וויפל הונגעריקע גלוסטן טראָגן דיינע ציינער?
איז טאַקע דיר מיין לייב געשמאַק און האָניק — מיינע טרערן?
און ווילסטו וואָס אַרויסבאַקומען, ווי אַ פונק פון שטיינער?

מיט זיבן טעמפע שווערדן האָט געשלאָגן מיך דיין שטראָפונג,
מיין אַלטער קראַנקער טאַטע האָט אַליין די גרוב געגראָבן...
מיין ווייב איז, מיט אַן איניקל ביים ברוסט — איר לעצטע האָפונג,
אַוועק ווי צו אַ שמחה אין דעם קיניגרייך פון ראָבן.

פינף זין האָב איך געהאַט אַמאָל, ווי פינף געטרייע פינגער,
און זיי האָב איך פאַרטרויט מיין לעבן נאָך מיין טויט צו שפינען.
מרחם האָסטו זיך געווען, געמאַכט מיין אַלטקייט גרינגער:
האָסט איינציקווייז אַראָפּגעהאַקט און מיך געלאָזט ביים זינען.

און מיך, ווי אויף צולהכעיס, האָבן שווערדן ניט צעשניטן,
און קוילן — אָפּגעקלאַפּט צוריק, און שרפות — ניט געצונדן;
וואָס עסיקער די וואונד, האָב איך ווינציקער געליטן,
און דו אַליין, מיין גאָט, האָסט זיך געשפּיגלט אין די וואונדן.

פאַרוואָס בין איך געבוירן קעגן ווילן מיינעם? ווּעמעס
געוויין האָט מיך אַריינגעטרערט אין מאָס אין מענטשיש־בלינדער?
אויב אמת, אַז דו דאַרפסט אַזוי — טאָ ווער באַדאַרף דיין אמת?
ניט איך וועל שלאָגן זיך אל־חטא, ס'איז דו, ס'איז דו, דער זינדער!

וואָס קען איך דען פאַרלירן מער, און וואָס קאָן איך געווינען,
אַז מיין פאַרלאָשן אויג שוין קען ניט ווערן פייכט און גלאַנציק? —
אָ, בלינד בין איך געוואָרן, קאָן מיין טויט גאָר ניט געפינען
און ניט מיין עלטסטן זון, וואָס איז אַוועק שוין אַ יאָר צוואַנציק.

וואו נעמט מען אויף דער וועלט אַ ליכט, כדי כאָטש איינמאָל זען אים
און וויסן, אַז עס בלייבט אַ שפּראָץ נאָך מיינע גרויע יאָרן?
געקושט וואָלט איך אַ פריידיקער די געסעלעך פון גיהנום,
און שטילע רו וואָלט אויפגעבליט אַנשטאָט פאַרקאַלכטן צאָרן".

די ווערטער האָבן נאָך ווי זשאַר
געאָטעמט אין מיין לייב,
ערשט איך הער, — אַ שטורעם פון געוויין
וויקלט זיך אוןווירבלט איבער דעכער,
צערייסט זיך שטיקערווייז
און פאַלט אַראָפּ,
אַראָפּ,
אַראָפּ,
ווי שטיינער אין אַ תהום . . .
און פונעם שול־הויף
טראָגט זיך אַ צעשניטענער געשריי
אַהער אין קלויז,
דערשטיקט די ליכט,
צעכוואַליעט די טליתים,
און הינטער אים
עס שטראָמט אַריין אַ קאָפּ,
דרייט זיך אין אַ קעסלגרוב
מיט שווימענדיקע אָרעמס,
טרינקט זיך, ווערט ניט,
נאָר זיין קול
בלייבט הענגען ווי אַ חלף:
— סכנה!

אויף ליפּן פאַרברענטע,
ביי יונג און ביי גרייז,
בלייבן די תפילות
פאַרפרוירן.
אייז.
אין גלאָזיקער שיין
פון די שפּליטערס לבנה,
שפּרינגט דאָ אַריין
די חיה: סכנה.
אַ ריס די ליפּן.
אַ ביס די הענט.
סכנה אין קופּער,
סכנה אין ווענט.

גלידער
פאַרראַטן דאָס אַלטע געביין.
ברידער —
צעשפאָלטן. אַליין. אַליין.
לייב אויף לייב.
געדריי. געמיש.
אַט שפרינגט די סכנה
פון אונטערן טיש
גלייך אין די פּנימער!
אַט, אומגעריכט,
ברענט די סכנה
אין וואַקסענער ליכט.
ברענט.
פאַלט.
פאַרכאַפּט דאָס געביי.
סכנה אין קלויז
און נאָך מער — אויף דער פריי.
און שפּיציקע נעגל
וואַרגן, וואַרגן:
— לויף אַוועק, ווי אַ הונט מיט אַ ביין,
מיטן נפש,
אַט יאָגן זיי אָן
און זיי ווילן דערהרגענען!

. . . איז דעמאָלט פאַרבליבן אין קלויז פון דער עדה
אויף זעלביקן אָרט אַ פאַרעקשנטער זיידע
און ווידער געפּויקט זיך אין האַרצן מיט פייער:
— בגדנו, גזלנו, אוי, פאָטערניו טרייער.
און עמעץ אין חלפדיק־ווייסע געווענדער
איז ווייטער געשוואומען צו גאָט אויפן שטענדער . . .
אַ דריטער — זיך טוליעט אין פרייד און שגעון
צום שטול, וואו אַמאָל איז געזעסן דער גאון,
בייסט איין מיט די ציין אים און בלייבט דאָרטן ליגן!
און זע: אויך אַ קינד, וואָס מע דאַרף נאָך פאַרוויגן,
אַ וואָרף געטאָן פון די אַנטלויפער מסתמא,
עס כליפּעט כל־נדרי און כליפּעט: אָ, מאַמע!

און איך ניט פון אָרט, צו דער ערד, אַ געשמידטער
בין אויכעט פאַראַן — דער געשוואוירענער היטער.
און כ׳האָב ניט געהערט דאָס געיאָג אויף די שטיגן,
דעם גאַנג פון דער שחיטה, נאָר ס׳קינד און זיין ניגון.
און ס׳האָט מיך געצויגן צו שטאַרבן אַצינדער,
ווייל כ׳האָב אין דעם כליפען דערזען מיינע קינדער.

נאָר ווען ס׳איז די מחנה מיט ביקס און געפּילדער
אין פּאַליש אַריין, האָט אַ כוח אַ ווילדער
אַ ריס מיך געטאָן ווי אַ בוים פון אַ גאָרטן,
אַ ריס געטאָן, צום ארון־קודש, פון דאָרטן
אַרויסגעכאַפּט האָב איך די תורה געשווינד,
און אַנשטאָט די תורה — באַהאַלטן דאָס קינד!

ב

פאַראַן אַ געטראַנק, וואָס דו טרינקסט און דו ווייסט ניט
זיין שרעקלעכן טעם.
און ווען ס׳פאַנגט דיך זיין שיכרות,
ברענט אויס און מאַכט בלינד דיינע נאַקעטע חושים,
איז מיינסטו: ביסט ברענעוודיק ניכטער,
באַנעמסט ניט,
אַז דו ביסט אַליין אָט דער פלײשענער בעכער
און טרינקסט דיינע אייגן צעיושעטע זאַפטן.
און אַלץ, וואָס דו זעסט, איז דער סדר
פון אייביק:
דאָס פרייוויליק שפּאַנען אין ריי צו דער מיתה,
באַגלייט מיט באַגנעטן, ווי דיינע באַשיצער,
דאָס טראַכטן דערביי, אַז דער גייסט וועט פאַרבלייבן...
אַז ערגעצוואו לעבט נאָך אַ זון צי אַ קרוב,
אַז גוט, וואָס אויך איצטער ביסטו ניט עלנט;
ס׳באַגלייטן דיך הייזער — פאַרשטיינטע מחשבות,
און געסלעך,
און פרויען מיט בערגיקע בייכער...

און חלומסט, אַז באַלד וועט געשען מיט דיר וואונדער,
גלייך ווי דו וואָלסט זיך אַריבערגעקליבן
אין אַ דירה אַ צווייטער,
וואָס האָט אַן אַרויסבליק
צו עפּעס אַ רואיקן, צייטיקן גאָרטן.

נאָר ווען ס'האָט מיך פּלוצים אַ שטאָלענע רגע
באַפאַלן די אָפּגעטייט־שיכורע גלידער,
ווי ס'לאָזט זיך אַראָפּ אַ באַנעגלטער שפּאַרבער
אויף דער אַנטדרימלטער טויב אין דער נידער —

האָב איך באַגעגנט מיין אייגענעם שאַרבן . . .
פינגער צעבראָכענע ציען זיך, פרעגן,
און ווי יחזקאל אין טאָל פון די ביינער
קלאַפּט מיר אַ מעכטיקע זעאונג אַנטקעגן:

אייזערנע ווענט קעגן אייזערנע שטערן
צוימען, באַרינגלען אַן אייזערנע תפיסה.
דאָ, ווי אַן אייזערנער פּלאָנטער געדאַנקען,
קנוילן זיך קופּעס אין אייזערנער גסיסה.

ווער האָט געבראַכט זיי אין נאַכט פון כל־נדרי,
ווער קען זיי העלפן, זיי שטרעקן אַן אָרעם?
מיר דאַכט ס'האָט אַן ערדציטער אויף אַ בית־עלמין
אַ וואָרף זיי געטאָן אויס די ווערמיקע קברים!

זיינען דאָס מתים? זיי ריידן דאָך, שמייכלען,
אונטערן ליכט פון אַ פראָסטיקן מילכוועג . . .
און אין אַ ווינקל סע ציטערט אַ זויגלינג,
ציט זיך צו מאַמישער ברוסט, צו איר מילך־וועג . . .

אויב ניט קיין מתים, וואָס וואַרטן זיי רואיק
אויף שאַרבן־געקראַך, אויף באַשטימטער צעשטערונג?
יידן, די אייזערנע ווענט זיינען שפּינוועבס,
יידן, אַקעגן דעם טויט אַ פאַרשווערונג!

זאָלן זיך שליסן צעוואָרפענע קנאָכנס,
זאָלן אַ שלאָג טאָן געבונדענע שטראָמען!
לעצטע צום לעבן און ערשטע צום אומקום,
לאָזט ניט פאַרשניידן דעם מעכטיקן זאָמען!

מאָרגן, ווען רויט וועט אַ קריי טאָן דער חורבן,
וועלן, ווי טירן זיך עפענען גריבער...
ייִדן, סע נאַרט אייך פונוויטן אַ כישוף,
פאַרברענט זיינע אויגן און שפּרייזט אים אַריבער!

ג

אינמיטן דער נאַכט, ווען אַרויף צו די שטערן
האָבן געצויגן זיך הונדערטער אָטעמס,
ווי קנעכט אויף די קני,
און ס'זיינען די מחנות געלעגן פאַרשטאַרטע
מיט פנימער קעגן געקרייציקטן גורל —
האָב איך געשוועבט צווישן קנויליקע גופן,
און זיי, ווי אַ שפּיגלראָד,
האָבן געדרייט זיך
און יעדער באַזונדער —
אַ טייל פון מיין אויסזען:
דער זקן אין טלית,
פאַרדאַוונט ווי פריער,
(ער הערט ניט קיין זיפצן,
געזאַנג פון מלאכים...)
די מאַמע וואָס דריקט צו איר האַרצן אַ פוסטקייט,
אַ פּאָר אין באַהעפטונג
(מסתם — חתן־כלה).
אַ יידל, וואָס הענגט אויף אַ האָק
ווי אין יאַטקע.
און דער,
ביים באַהאַלטן זיין גאָלד אין אַ קניפּל...
אַ מאַן מיט אַ גאָלמעסער צווישן די פינגער,
דער בחור, וואָס זינגט:
„דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער".

און די פרוי מיטן אָפענעם קלאַפּיקן לייב,
וואָס וואַרפט זיך אין פאַליקע
קעגן לבנה.
ס׳האָט מיר געדאַכט:
איך בין יעדער באַזונדער,
אין איטלעכנס לייב
בין איך בלוטיק פאַרקנאָטן.

ד

נאָר דאָ האָט מיין עסיקער בליק זיך פאַרשפּיזלט
אויף עפּעס אַ פּנים — און ס׳פייפט שוין און ריזלט
די בענקשאַפט — אַ פלאַם אונטער אייז.

פון טונקל דאָס פּנים קוואַלט אויף מיר באַקענטער,
— לבנה, אַרויס פונעם וואָלקן, קום נענטער!
געשווינדער — דאָס פּנים באַלייכט!

לבנה באַלייכט, און אַווירבל מיט פונקען
עס דרייט זיך אַלץ טיפער, אין מוח פאַרזונקען
און דרייט דאָרט אַריין די געשטאַלט.

און ס׳טוט מיר אַ פלאַץ, ווי אַ שויב, די נשמה:
— ס׳איז ער, מיין פאַרשוואונדענער זון, ס׳איז מיין יאָמע!
איך האָב דאָך באַגערט אים צו זען...

באַגערט — און אַצינד איז מקוים די תפילה,
אַצינד פאַרן סוף, און ער ווייס ניט אַפילו,
און זע, ווי ער דרימלט אין רו:

די באַקן — פאַרדאַרט, אויסגענאָגטע פון ווייען,
און טונקל און בלייך, ווי אַ שאָטן אויף שנייען,
און ווינטיק פאַרקאַלטנט די באָרד.

ווי עלנט עס וואָגלט דער קניטש אויף זיין שטערן!
די שפּיציקע הוט — מיט אַ בלוט־רויטן שטערן,
און ס׳לייב אין צעפליקטן שינעל!

ליפּן אין פיבער,
משוגע פאַר פרייד,
שרעקט אים ניט איבער
מיט אייערע רייד,
זאָל ער נאָך דרימלען, דרימלען . . .
זאָל ער קוים שפּירן,
ווי ליבנדיק זיס
טוט איר באַרירן
די וואונדיקע פיס
מיט ניט קיין געדעטע ווערטער.

פונוואַנען ? ווער האָט אים
אַהערצו געבראַכט ?
ווי לויטער זיין אָטעם
באַפליגלט די נאַכט,
די נאַכט פון כל־נדרי !

שטילער, ניט פרעגן,
כ'בין ווידער אַליין.
די נאַכט נעמט מיר זעגן
מיט זעג פון געוויין,
שוין איבערגעזעגט מיינע ווערטער . . .

איך גאַף און באַטראַכט אין דער תפיסה מיין שכן ;
אַלץ אַזוי אָפן, און אַלץ איז געהיימיש . . .
די אַפּלען
ווי ליכט דורך אַ נעפּל זיי צאַפּלען,
די ברייטלעכע באַזפליגל פאַכען, פאַכען,
זיי האָבן דערשמעקט עפּעס היימיש
געביין,
ער קאָן נאָך אַ בראָך טאָן מיין מאַסקע פון שטיין
און דערפילן די אויגן וואָס ברענען.

ביין!
ער טאָר ניט זיין טאָטן דערקענען.
טויזנט מאָל שווערער וועט זיין דער צעשייד,
איך מוז פאַרהאַקן דעם סוד אין אַ פורעם.
ווייל פאַראַן אַזאַ פרייד, אַזאַ סאַמיקע פרייד,
וואָס איר אין פאַרגלייך איז אַ שפּילכל יסורים.

ה

איך:

זייט מוחל, אפשר העלפן אייך? די נאַכט
איז בלענדיק־ווייס, ווי אָקאָרשט אויסגעגאָסן
וואָלט עמעץ אייך צופוסנס די לבנה.
און אינעם ליכט איז דייטלעך צו באַמערקן
אַ שנירל בלוט, זיך דריבלענדיק אין שוואַרצן
פון אויפגעפלאַצטע וואונדן אויף די פיס, —
מיין פריינט, איך וועל אייך העלפן זיי פאַרבינדן.

מיין זון:

אַ דאַנק, זאָל בעסער אויסרינען אינגאַנצן.
אַליינוויליק זיך ראַטעווען פון גורל,
ס׳איז בעסער ווי דורך זיי . . .

איך:

ניטאָ קיין בעסער.
עס איז דער מאָרגן קיינעמס קיין פאַרמעג ניט,
אַזוי איז אַלעמאָל געווען — אויך איצט.
און איר, — זייט שטאַרק, ניט יאָגט אַוועק דעם ווילן:
איר לעבט, איז לאָזט ניט אויסרינען דאָס בלוט.
ס׳האָט פיינט די פריי —
געוואוינט צו זיין געפאַנגען,
פאַרקערט ווי מיר . . .
און וואָס עס וויל דער מאָרגן,
דאָס איז אַ סוד,
וואָס מאָרגן ווייסט אַליין נישט . . .

מיין זון:

כ׳בין ניט געווארינט צו טראַכטן אַזוי טונקל.
דער סוד איז קלאָר. און אָפן איז דער מאָרגן.
ווען ס׳קייקלט זיך דער באַרג־שטראָם באַרג־אַראָפּ,
איז וועט ער ניט דערקייקלען זיך אַרויפצו.
איך האָב ניט מורא פאַרן טויט. איר זעט?
אַ קריגסמאַן בין איך, כ׳בין אַ רויטאַרמייער,
עס האָבן שטענדיק טויטן מיך באַגלייט,
ווי עס באַגלייט אַ רייטנדיקן יעגער
אַ מחנה הינט.
און ס׳איז מיין לייב געווען צו אַלע צייטן
אַ גוט געשמידטער, אויסגעפּרואָווטער פּאַנצער.
און האַקט אים דורך דעם שונאס בייזע קויל,
איז דעמאָלט מיט דער בלאַנקער שווערד זיך ראַנגלען.
און פאַלט אַרויס די שווערד — איז מיט די הענט,
אַז יעדער פינגער זאָל אַ מעסער ווערן.
צעברעכן זיך די מעסערס — איז אַ שפּרונג,
און מיט די ציין דעם גאָרגל אים צעפּליקן.
און האָב איך אַלצדינג אָנגעוואוירן — דעמאָלט,
אַ רואיקער, ניט אויפשטיין שוין פון אָרט.

נאָר קנעכטיש, אָן אַ האָפּט איז איצט דער ווילן,
אָט ליג איך דאָ אין שטאָט פון מיין געבוירן,
די פיס אַדורכגעוואונדיקט, און איך וואַרט . . .

איך:

איר זענט אַ ווילנער?

מיין זון:

יע, איך בין געבוירן
אין זאַוואלס הויף, מע רופט מיך יאַמע קאַגאַן . . .
ווי גליקלעך וואָלט איך זיין, ווען צו מיין אויער
דערגרייכן וואָלט אַ גרוס פון טאַטע־מאַמע,
אַ גרוס פון זיי צו מיר — און ניט פאַרקערט.
די ליבשאַפט, איינגעלאָשן אין מיין לייב,
וואָלט ווידער זיך צעגליט אין פרישע פאַרבן . . .

איך:

קען זיין, דער טאַטע לעבט, וואַרט אויף, איך קען אים . . .
כ׳האָב גראָד געוואוינט אין זעלבן הויף, צוזאַמען,
מען רופט אים זכריה . . . האַ?

מיין זון:

אַזוי אַזוי . . .
איר האָט געזען מיין פאָטער? איז געוויס
דאָך איינגעבויערט זיין געשטאַלט אין אייער!
דערנענטערט זיך, און לאָזט מיך אים דערפילן!
צי האָט ער ווען גערעדט . . .

איך:

ער האָט ניט איינמאָל
דערציילט מיר טאַקע וועגן עלטסטן זון . . .
ווי לאַנג שוין האָט איר ניט געזען דעם פאָטער?

מיין זון:

מיט צוואַנציק יאָר צוריק בין איך אַנטלאָפן
צו קעמפן מיט פּעטליורעס אויף אוקראַינע.
דערשלאָגן אים — און דאָרטן שוין פאַרבליבן.
געבויט אַ היים. זיך אויסגעזוכט אַ ווייב,
געלערנט שפּעטער אין דער אַקאַדעמיע
און ניט פאַרביטן קיינמאָל דעם שינעל . . .
פאַרגעסן האָב איך, אַז מע רופט מיך זשיד,
פאַרגעסן, אַז מען קען נאָך ניט פאַרגעסן . . .

און קוים איז וואַכן עטלעכע אַריבער,
ווען הינטער קיעוו, אין אַ גרויסער שלאַכט
פאַרוואונדעט האָט מיך דער עקלדיקער שונא,
דערנאָך — אין מיין געבוירנשטאָט פאַרטריבן.
און דאָ האָט זיך אַרויסגעבריט אַ מסור
און אָנגעוויזן מיט אַ שטעקן: „יענער
איז ניט פון אונדזער שטאַם". און דעמאָלט האָט מען
אַ שפּיצעכיקע לאַטע אָנגענאָדלט
אויף הוילן לייב מיינס און געבראַכט אַהער

צוזאַמען מיט אַ בלינדער מחנה יידן,
וואָס האָט מיין גוף געטראָגן אויף די הענט,
ווייל גיין מיט זיי האָב איך ניט מער געקענט . . .
אַצינד — וואָס זאָל איך טאָן ? איך ווייס, אַז מאָרגן
פאַרקילן וועט ווי בליי מיין לעצטער אָטעם.
כ׳בין שטאָלץ וואָס איך וועל שטאַרבן, ווי אַ ייד,
מיט אַלעמען אינאיינעם . . . נאָר פאַרוואָס
געלאָזט האָב איך זיך פאַנגען ווי אַ חיה —
און ווען דער גוף איז דורכגעקוילט געווען,
זיך ווייטער ניט געראַנגלט כאָטש
מיט אייגענעם געדאַנק
און אויסגעקליבן גנאָד —
אָט דאָס איז שרעקלעך!

איך:

ניט אַלעמאָל טוט גוטסקייט דער געדאַנק.
פאַראַן אַ רגע — ווערט אַ שטרוי דער ווילן
און שרעקלעכקייט איז אָן אַ גרונט ווי פרייד.
פאַרוואָס, מיין ליבער, זוכט איר ניט קיין וואָרט,
אַ וואָרט, וואָס זאָל אַריינזאַפּן די גסיסה
פון צענער, טויזנטער המונים יידן.
וואָס ניט מען האָט פאַרוואונדט זיי אין אַ שלאַכט,
נאָר לעבעדיקע שפּאַנען זיי געהאָרכיק
צום טויטנטאָל, ווי איך, ווי זיי, ווי אַלע,
צי זענט איר אויסדערוויילט, צי זענט איר בעסער ?

מיין זון:

פאַר מיר איז קודם קאַמף, איך בין אַ קריגער . . .

אַ רגע פריער האָט זיך מיר געוויזן
דורך דרימלדיקער בעפלשיין, מיין טאַטע.
האָט אויסגעזען ווי איך, אין זעלבע יאָרן.
און רייד האָט ער גערעדט ווי איר, אַ צופאַל !
נאָר איך האָב אים געבעטן : טאַטע, טאַטע,
אַ מעסער נעם און עפן מיר די ברוסט,
עס זאָל פון דאָרט אַרויספליען מיין לעבן —
ווי ס׳פליט אַרויס אַ פויגל פון אַ ברענעוודיקער שטייג.
אַצינד וואָלט איך עס בעטן אייך, אַ פרעמדן — — —

ז

און דעמאָלט האָב איך אויף מיין צונג דערפילט צעשטויסן גלאָז,
אויף זייער שאַרף — צעשניטן מיינע ווערטער אין בזיון.
זיין בליק האָט מיר די האָר געריסן גלייך ווי בינטלעך גראָז.
איך האָב געשטומט, און שטומענדיק האָט גאָט געהערט מיין וואויען:

. . . האָסט ווידער זיך געזעטיקט מיט מיין יאָמער דעם געהיימען,
פון מיר וועבסטו אַרויס דעם אין־סוף פון יסורים!
פאַרוואָס בין איך ניט רויער ליים, אַ טייל פון דיינע ליימען?
פאַרוואָס איז דיר מיין גייסט אַ טויטע אויג, פאַרכאַפּט אין שטורעם?

געבעטן האָב איך — האָסטו מיין געבעט אין פלייש פאַרקנאָטן.
געפונען אים — דעם לעצטן זון, געפונען — ערב גסיסה.
אַ שאָטן כ'בין געוואָרן. גריזשען דיינע הינט דעם שאָטן,
באַלעקן זיך אין תענוג, ווי מיט קאַנדלצוקער זיסע.

צי בין איך דיר אַ משל בלויז? באַרעכן זיך, באַרעכן:
מיט גאַל וועל איך פאַרשפּייען דיר דיין קוואַלנדיקן שכל.
טו ראַטעווען מיין קינד — אַניט וועל איך אים דאָ דערשטעכן,
דערשטעכן אויס נקמה מיט געזאַנג און מיט אַ שמייכל.

אָ, ראַטעווע! און הונדערט מאָל בין איך דאָך גרייט צו שטאַרבן.
פאַרשטעל זיך פאַר אַ שומר, אָדער ברעך אַדורך דעם טויער.
אַנטפּלעק, אַז דו ביסט דאָ, און הער דעם דונער פון מיין שאַרבן!
אַניט וועט דיך פאַרשילטן מיין אַרויסגעפּלאַצטער טרויער!

און כ'וועל אַ לאַנגע פויסט אַ הייב טאָן ביז צו די מזלות:
— דו ביסט אַ רשע! אַל דיין גנאָד און גוטסקייט איז אַ ליגן!
און ווי אַ הויז וועט איינפאַלן די וועלט אונטער די קללות,
אינאיינעם וועלן מיר פאַרשרפעט ליגן!

ז

אין פיבער־שרעקן לויערט דאָס געהער
אויף מינדסטן ענטפער. טריט. סימנים.
איך פיל דעם אָפּגרונט פון אַ קליינער טרער,
די נאַכט צעגייט, ווי חלב אויף מיין פנים.
לבנה זויגט זיך איין אין ווענט, אין ציגל.
דער מזרח גליט אַנטקעגן מיר ווי שטאָל.

איך טאַפּ די אַקסלען: אפשר זיינען אָנגעוואַקסן פליגל . . .
(כ׳וואָלט אָפּגעריסן זיי פּאַר אים !) ,
און וואַרף זיך מיטאַמאָל
אויף דר׳ערד: צי טראָגט זיך ניט אַ שטים,
אַ וואָרט, אַ נאָמען ?
די ערד איז לעבעדיק, נאָר אָן אַ צונג . . .
דער ווייס־צעגליטער שטאָל צעגייט אין שטראָמען,
עס קלאַפּט דער שלייף. אַ פּאַסטקע ווערט דער אויער.
צי שמעלצט זיך ניט די תפיסה, ווי אַ וואַקס ?
צי קען אַ נס ניט דורכדרינגען אַ מויער ?
צי קען אַ גראָז ניט געבן אַ צעוואַקס
אין וואַלד־געווילד, אַז קיינער קען ניט כאַפּן ? . . .

שאַ.
די חושים וואַרפן זיך פאַראויס, פאַראויס
דערטאַפּן
דעם ריח פון דעם שוועבנדיקן אויסלייזער ! צוגלייך
טראָגט זיך מיט די אויסלייזונג אַנטקעגן,
ווי אַ שטילער טייך
צווישן יאָמערדיקע ברעגן :
איך שטרעק אַ האַנט, וויל אָנכאַפּן מיין גאָט !
אַ רגע . . נאָך איין צי . . איך האָב אים . . אָט — —

און דורכן הויף, אין ברוינער אוניפאָרם
און איידלשטיינער־אָנוואוקס אויף די הענט,
מיט ערן־קרייצן אויפן רעכטן אָרעם
און בליקן צו דער ערד אַראָפּגעווענדט, —
באַווייזט זיך מיר דער דייטש . . . די שטיוול גלאַנצן
מיט עכטן אַרישן קאָליר.

די מענטשן־מאַסקע — ניט קיין צוק און ריר —
פאַרשטיינערט, אָן אַ קנייטשעלע אינגאַנצן;
אַ קאַלבן־פּיסל מיט אַ לאַנגן עק
פון בייגעוודיקע דראָטן פויסטיק האַלט ער.
מיט דעם איז ער געוואוינט, אַ מירמל־קאַלטער,
צו טאָן אַ שניט, אַ פּייפנדיקן וועק
די זשיפּיקע קרבנות פאַרן שיסן,
ער האָט זיי אייגנטלעך דאָך ליב, געוויס!
אַ נייער גאָלד־מעדאַל איז דער געוויסן!
און זעט ער, אָן אַ זייט, אַ מיידלס פּיס,
— צעשפּרייטן זיך ביי אים די נאָזלעך: יענע
וועט מוזן אים אַליין געהערן באַלד!
צוערשט — אַ קויל, זי צאַפּלט זיך, זי פאַלט,
און פאַלנדיק — ווי איינגענעם די סצענע!
אַ כאַפּ טאָן זי . . . נאָר גלייך איז ער באַהערשט
עס קען נאָך עמעץ זיין געדאַנק דערהערן,
פאַר אים איז די קאָלעקציע בלוט צוערשט,
קיין לעבעדיקער טאָר דאָס ניט באַגערן!

און מיטאַמאָל: אַ בייטשיקער געהויל:
„צוזאַמען אויפשטיין!" און די מידע יידן
זיי נעמען שפּרינגען פון דעם גרויען קנויל,
ווי עמעץ וואָלט זיי האַנט אין האַנט פאַרשמידן.
און דורכן איינגעגליווערטן שפּאַליר
מאַרשירט דער האַר. דאָס פּנים ראָז, באַגיניק:
„איך בין דער קעניג אייער, קניט פאַר מיר
און שרייט דערביי: זאָל לעבן אונדזער קיניג!"
די מאַסע גלייזט. מע קוקט זיך אָן דערנעבן;
ס'איז שטיל. נאָר שטום־געבוירענע, מיר דוכט,
באַקומען לשון און מע שרייט: „זאָל לעבן!"
און פאַלן אויף די קני, און יעדער זוכט
דעם קיניג צו געפעלן: אפשר . . . טאָמער . . .
און ער אַליין, פון קיינעם ניט באַגלייט,
ער לאָזט זיך אויף די רוקנס קאַלטערהייט,
און ס'פייפט זיין בייטש אין לאַכיקן געיאָמער.

און שפּרייזנדיק אויף קרעכצנדיקע ביינער
מיט זיכערן געביטערישן טראָט,
באַמערקט ער צווישן דעם המון, אַז איינער
האָט ניט דערפילט זיין קיניגלעך געבאָט
און ליגט אויף דר'ערד, און ס'ברענט אין זיינע וואונדן
די זון, ווי אין פרימאָרגעדיקן טוי.
און גלייך ווי צו די פיס אים צוגעבונדן,
אַן אַלטער מאַן, שוין וואַקלדיק און גרוי —
דער טאַטע לעבן זון. דעם קיניגס פּנים
פאַראָדערט זיך, ווי אַ געהיימע שפּין
וואָלט אויפגעפעדעמט דאָרטן איר געשפּין:
צי ווידערשפּעניקט עמעצער דעם טראָן אים?
און מיטן קאָלבן־פּיסל גלייך אַ שניט:
„אַזוי! פאַראַן אַזאַ וואָס שטעלט זיך קעגן?
ס'געפעלט מיר . . . ניט געזען אַזאַ מין ייד" —
און ס'גיבן זיך עלעקטריש אַ באַגעגן
די בליקן זייערע: אַ רגע . . . צען . . .
סע האַלט ניט אויס דער קיניג . . . ווערט דערצערנט:
— „ווער ביסטו, הונט, ווער האָט דאָס דיך געלערנט?
אַ רויטער שטערן גאָר? איז לאָמיר זען,
ווי ס'וועט אַזאַ פונדעסטוועגן זיך בוקן". —
נאָר פלוצעם: כליופּ . . . אין קיניג פאַלט אַ שטיין,
אַ שטיין מיט שאַנד אין מאָרדע אים געטראָפן
פון דעם צוגויפגעבראָכענעם געביין,
וואָס קוקט דעם טויט אַנטקעגן קאַלט און אָפן.
דער האַר איז בלייך, צעטומלט, פינגער צוקן.
סע פאַלט זיין קרוין! ער וויל אַ שריי טאָן: וועכטער!
און כאַפּט דאָס וואָרט צוריק. עס קומט אַ גרילץ,
געמישט מיט מורא, תאווה און געלעכטער,
די בלייכע ליפּן ווערן בלוי ווי מילץ,
און ווען באַגנעטן, דאַכט זיך, ניט גערופן,
דערלאַנגען פון די ווינקלען זיך אַ טראָג,
באַשיצט ער מיט די אָרעמס בײדע גופן,
ער איז באַך האַר, זיין ערע האָט אַ וואָג,
ער וועט אַליין באַפרייען זיין רציחה!

און ניט אַזוי זיך, מיט אַ שניט, אַ שאָס . . .
עס שלענגלען די געדאַנקען גיכע, גיכע,
און ס'קומט די פּייניקונג אין פולער מאָס:

„די צינגער וועל איך אויסשניידן אייך ביידן,
און איר אַליין וועט הערן זייער שטים!"
נאָר באַלד פאַרגייט רחמנות אין זיין ריידן,
אין גנעדיקייט פאַרוואַנדלט זיך דער גרים:
ער ציט אַרויס פון זילבערשייד אַ שמאָלן,
אַ גילדענעם קינזשאַל, ער בייגט זיך צו
און גיט מיר אים געלאַסן: — „טו דאָס דו,
און ס'וועט דיין קאָפּ מיט גאָרנישט ניט באַצאָלן".
און דעמאָלט . . . ווי עס האָט נאָר דער קינזשאַל
באַרירט מיין דלאָניע, האָט אין מיר אַ צווייטער
אין טיפסטער טיפעניש געטאָן אַ שטראַל,
אַ הייב געגעבן מיך, ווי אויף אַ לייטער.
איך האָב דערזען אין שטאָלענעם געשפּיגל
מיין לעצטן זונס פאַרלאָפענע שוואַרצאַפּלען.
קיין אויסלייזער ניטאָ און ניט קיין פליגל, —
די רויע גלידער שלייערן זיך, צאַפּלען.
צוקאָפּנס וואַרט דער שמייכלדיקער תליון,
און פייפט זיך צו אַ פויגל אויף אַ צווייג . . .
ער'ט איינגעצן מיין זון די האָר און סמאַליען,
פאַרפייניקן מיט דאָקטערשן געצייג!
און גאָט אַליין האָט ניט געהערט מיין תפילה,
ער האָט געשלאָסן שותפות מיטן קאַט.
מיט דעם וויל ער זיך אָפּפאַסטן נאָך נעילה,
מיט מיינע זין די פּיר איז ער ניט זאַט.
און מיט איין שפרונג האָב איך דאָס בלאַנקע אייזן
מיין לעצטן זון אַריינגעזעצט אין ברוסט!
— אַזוינס קען טאָן דיין טאַטע און באַווייזן
פאַר דעם, וואָס האָט דיך פּייניקן געגלוסט! —

ט

און וואָס געשען איז ווייטער ? ס'האָט די ערד זיך ניט געשפּאָלטן,
די זון איז ניט אַראָפּגעשפּרונגען מיטן קאָפּ אויף שטיינער.
נאָר טויטנוואָגנס האָבן אונדז אַרומגעצוימט ווי וואָלקנס,
איינגעשלונגען,
און געבראַכט אַהינצו,
וואו קראָען האָבן זיך אַ הייב געטאָן מיט אָפּשיי,
זיך אָנגעהאָנגען ווי אַ שוואַרצע פּרוכט
אויף געלע צווייגן,
דערוואַרטנדיק אַ נייע, רייכע סעודה.

און ווען דער קוילן־היישעריק
האָט ווידער מיך געמיטן, —
צי איז ער דעמאָלט זאַט געווען,
צי מיין פליייש צו זויער, —
איז מיך, דעם לעבן־בלייביקן,
אַ שוואַרצע קראָ באַפאַלן
און כאַטש איך האָב געאָטעמט,
האָט זי מיך געפּיקט אין שטערן . . .

⁂

אַזוי האָט אין אַ יאָר אַרום דערציילט מיר
אין געטאָ, צו כל־נדרי, ער אַליין,
דער איובדיקער ייד און אָפּגעשיילט מיר
דעם גורל זיינעם ביזן סאַמע ביין.

און רואיק זיין קול,
ווי אַ קוועלכל אין טאָל,
ביינאַכט מיט לבנה באַגאָסן.
און איך האָב געלאַכט :
„ווער'ט געוואונען די שלאַכט ?"
און זיין גורל אין מיר איינגעשלאָסן !

פאַרענדיקט דעם 6טן פעברואַר 1943 אין ווילנער געטאָ.

דאָס מענטשעלע פון ברויט

ווען זון פאַרגייט, אַרויפגעדרייט ווערט העלער
דעם הונגערס קנויט.
די פינגער קנעטן, קלעפּן וואָס אין קעלער
פון קרישלעך ברויט.

און ווי זיי קנעטן, ווייזט זיך — סאַראַ גורל! —
אויף הויכן טראָן
אַ מענטשעלע פון ברויט, אַ ניי געבוירל,
און קוקט מיך אָן.

עס טוט אַ שוועב מיט פליגעלעך פון זאַנגען
אויס מיינע הענט
און מיט זיין שאָטן ווערן אויך באַהאַנגען
די טויטע ווענט.

און עס צערעדט דאָס מענטשל זיך אַזוי מיר:
— „דו גרויסער גבר,
דאָס פּיצל גאָרנישט, וואָס דו רופסט עס: חומר
איז איצט דיין האַר.

ווי בלינדע הינטלעך וואַרף איך דיינע חושים
אַריין אין זאַק,
איך שטרעק אַ פויסט צו דיינע ליפּן: קוש אים
ער איז געשמאַק.

און וויל איך — קען מיין שמייכל דיך באַצווינגען
אַז דו, מיין קנעכט,
זאָלסט ליגן אויף די קני פאַר מיר און זינגען
אַז כ׳בין גערעכט . . . ״

איך טו אַ שפּרונג: — „דו וועסט מיך ניט פֿאַרשקלאַפֿן!״
נאָר מײַנע צײַן,
זיי בײַסן ניט אָט דעם וואָס כ׳האָב באַשאַפֿן —
נאָר זיך אַליין . . .

דאָס מענטשעלע פֿון ברויט ווערט זאַטער, זאַטער,
וואָס מער איך בײַס.
און נעמט אויך מײַן נשמה מיט אין פֿלאַטער —
פֿאַר זיך אויף שפּײַז.

אויגוסט, 1943.

אַ חלום

אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, געביסן זיך די ליפּ,
און ניט קיין לופט — די ריחות פון פאַרגאַנגענהייט געשלונגען.
די נאַכט — אַ מדבר שלענג, מיין לייב — אַ רויטע זיפּ,
צווי פייגל אויף אַ ים אין שטורעם — די פאַרוואונדטע לונגען.

און ס׳האָט אין מיר גערעדט אַן אומבאַקאַנט גערייד,
געמישט מיט קילן גראָז, מיט פרילינג־טוי און שטערן:
— „אָ, ווי מיר, איך צערין צוזאַמען מיט מיין פרייד,
צי וועט פאַרבלייבן כאָטש אַ טיילכל פון מיין קערן?

מיליאָנען יאָר געבענקט, געדרעמלט אויפן גרונט
פון וועלטישן זכרון ווי אַ פּערל אונטער וואַסער . . .
וואו איז די האַנט, וואָס האָט געצויגן מיך פון גרונט,
צי וואַרפט זי מיך צוריק אונטערן זעלבן וואַסער?

וואו איז מיין ערשטער טאָג און וואָס באַטייט מיין סוף
אַצינד ווען איך פאַרשווינד זיך אויסצוטאָן פון פנים?
אַנטפּלעק פאַר מיר דעם סוד אין כשופדיקן שלאָף,
צי וועט דען פון מיין איך ניט בלייבן קיין סימנים?"

טוט מיטאַמאָל אַ שלאָג אַ ווירבלענדיקע האַנט,
פאַרוויקלט מיך אין ווינט, אין בליציקע געוועבן,
און טראָגט אַוועק מיין גוף אַן קברדיקן לאַנד
וואו ס׳הערשט די טויטקייט בלויז פאַרזיגלט מיטן לעבן.

דערזע איך רונד אַרום אַ פעלד מיט רויטן מאָן,
און צווישן מאָן — סקעלעטן אָנגעטאָן אין טויען.
און יעדער איז באַקענט, כאָטש נעם און רוף אים אָן
און דאָס פאַרקרימטע מויל טו קושן און פאַרטרויען.

און כ׳הער אַ שטים: — „ניט מיין, אַז טויט איז טאַקע טויט,
פאַראַן אַ טייל, וואָס בענקט ווי אומגעשטילטע ליבע.
אָט רייס איך אויס דעם טייל ביי דיר אונטערן הויט
און לאָז אים גיין פאַראויס באַפרייט פון מוז און סיבה״.

דערפיל איך ווי די האַנט שוין ברענט אין מיר און רייסט
פון אינגעווייד אַרויס אַ פינקלענדיקן עיקר,
און ס׳טראָגט זיך מיר פאַרביי אין איך־געשטאַלט מיין גייסט
און גלייכצייטיק צעפאַלט מיין ערדנגוף אין שטיקער.

און צווישן רויטן מאָן מיט שטענגעלעך פון ווינט, —
עס וואַלגערט זיך מיין גוף און זינגט מיט די־אַ סטראָפן
אַן אָפּשייד־ליד צום גייסט, וואָס שטראַלט אַרויס, אַנטרינט,
און טראָגט אַ נייע בענטשונג און אַ נייעם האָפן.

9טער מאַי, 1943.

אַ בריוו

ווי קען איך זיין פון גוטס און שלעכטס אַ מעסטער, —
ווען דו ביסט מיין געוויין און מיין געוויסן!
ניט בענטשונג, ניט פאַרשילטונג און ניט לעסטער
פאַרהיילן וועלן מיר די שאַרפע ריסן.
איך רוף צו דיר אין אַנגסטן אַ פאַרפרעסטער
און אַלע וואונדן פאַכען דיר געריסן.
און אויך מיין חלום, אָוונטדיקע שוועסטער,
שוין קען מיך ניט אין צווייטער וועלט פאַרשליסן.

געגליכן צו אַ קוואַל, פאַרסמט פון שלאַנגען
וואָס לייטערט זיך דורך היילן, צווישן שטיינער,
אַזוי איז דורך מיין האַרצן דורכגעגאַנגען
די צייט און ערגעץ־וואו געוואָרן ריינער.
אַצינד בין איך אָן צייט. איך בין געפאַנגען
פון איבערבליב, וואָס האַלט מיך אין די ציינער,
וואו צווישן די דערהרגעטע פאַרלאַנגען
געבליבן איז מיר איינער, איינער, איינער:

צו האָבן דיך, מיין מלאך מיין געטרייער!
איך זאָל זיך קענען ציען צו דיין אָטעם
אַזוי ווי אין אַ מדבר־נאַכט צום פייער
דער לעצטער מאַן פון אויסגעשלאַכטע שבטים.
נאָר אויב דו ביסט דערווייטערט אומגעהייער
און ס'איז די פרייד פון לייב פאַר מיר פאַרבאָטן;
טאָ זאָל דיין שאָטן ווערן מיין באַפרייער, —
איך וועל מיין מויל פאַרוואָרצלען אין דיין שאָטן.

סעפטעמבער, 1943.

דאָס ייִנגל פֿון אײַזן

. . . אַן אויסגעבערענטער שוואַרצער מגן־דוד
אויף זײַן שטערן,
די האָר ווי קאָלטנס קראַפּעווע,
די אויגן — אײַז אין פֿרילינג,
און אויסגעשטאַרצטע געלע ריפּן אונטער לעכער, שמאַטעס,
אײַלט אַ ייִנגל, טראָגט זיך מיטן קעניגסבערגער שליאַך,
אָנגעלענט אַן סוקעוואַטן שטעקן.

ברייטע ווערבעס דאַפּלען זיך אין וואַסער.
קאַרנבלימלעך לאָקן דורך די זאַנגען —
און דאָס ייִנגל, אָנגעלענט אַן שטעקן,
אײַלט פֿאַראויס,
ווי ניט פֿאַר אים די וואַקסעכץ.
בלויז פֿון צײַט צו צײַט
ער טוט דעם קאָפּ אַ וואַרף אַהינטער,
ווי אַ פֿויגל פֿאַרשנדיק, ווי ווײַט איז נאָך דער שטורעם:
אים דאַכט זיך נאָך, מע יאָגט . . .

— זאָג מיר, קינד, וואוהין איז דײַן געאײַל,
צי וואַרט אויף דיר אַ שטוב, אַ טאַטע־מאַמע?

בלײַבט ער שטיין פֿאַרגליווערט אויף אַ ווײַל,
ווי ס'וואָלט די וועלט פֿאַרפֿילט אַ ליקוי־חמה:

— כ'האָב קיינעם ניט . . .
מע זאָגט, אין ווילנע איז אַ שול פֿאַראַנען,
אײַל איך דאַרטן,
ס'איז נאָך ווײַט פֿונדאַנען? —

שטעלן מיר זיך ביידע אויף אַ באַרג
און כ'ווייז אים אָן, וואוהין צו שפּאַנען.

הייבט ער אונטער גאָר די וועלט אין טאָרבע,
און ער לאָזט נאָך איילעקער זיך גיין
דורך שטאָק און שטיין.

שריי איך אים פון ווייטן:
— יינגל, יינגל,
און דו אַליין
פונוואַנען ביסט, פונוואַנען? —

צינדן זיך ווי צונטער
זיינע קנייטשן,
די אויגן נעמען שמעלצן בלויען גאָלד,
און פונעם ליפּן־ווינקל טוט אַ שטאָלצקייט זיך באַווייזן:

— פונוואַנען בין איך, האַ?
איך בין פ ו ן א י י ז ן!

אין טאָג פון גאולה

אין טאָג פון נצחון, ביים הייבן דעם בעכער,
איך וויל מיט די טייערסטע טרינקען לחיים!
נאָר אויסגעברענט פלעקיק די צייט איז מיט לעכער, —
עס פעלט דאָרטן יאַנקל און ס׳פעלט דאָרטן חיים.

און כ׳קען מיט מיין האַרץ ניט פאַרלאַטען די ריסן,
דאָך טאָר איך ניט בלייבן ביים יום־טוב קיין אבל.
— „צעעפן זיך, פרילינג, איך קום דיך באַגריסן!"
און ס׳טוט זיך אַן עפן דער ערדישער טאָוול.

. . . איך זינק מיטן בעכער צו זיי, וועמעס חלום
די וואָר האָט באַלויכטן מיט הייליקע שווערדן.
„איך ברענג אייך דעם וויין פון נצחון און זאָל אים
פאַרזוכן די עדה, פאַרחתמעט אין ערדן!"

— „לחיים!" — און ס׳ציען זיך קנאַכנס צום בעכער,
באַלעבט ווערן שאַרבנס מיט הויט און מיט אויגן;
דער קאָפּ פון מיין מאַמען נעמט הייבן זיך העכער,
אַריבער די זילבערנע בענטשליכט געבויגן.

— „לחיים!" — און ס׳וויזט זיך מיין אַלטינקער שכן
וואָס האָט בעתן אומקום געלייענט די פּרשה . . .
און נאָכאַמאָל שטייגט מיטן אויסרוף: נצחון!
דער יונג אויף דעם פלאַמיקן טורעם פון וואַרשע.

— „לחיים!" — און טיקטין אין מויל פון סכנה
ער דריקט דעם גראַנאַט אינעם בוזעם באַהאַלטן
און וויטענבערג ווי אַ צעשאָסענע פאָנע
אַ פלאַטער דערלאַנגט איבער אַלע געשטאַלטן!

אַ רגע . . . דער בעכער ווערט פוסט. איך בין איינער,
ס׳פאַרשליסן זיך ווידער די אויגן די פולע
און פייגל־געזאַנג טוט פאַרוויגן די ביינער
אין טאָג פון נצחון, אין טאָג פון גאולה.

9טער מאַי, 1945.

דאָס קבר-קינד

דאָס קבר-קינד

(אַ דראַמאַטישע כראָניק)

נאַכט. ווינט. צעריסענע וואָלקנס. ווען עס נעמט זיך לייטערן, באַווייזט זיך צווישן די מצבות דער קברן — אַ ייד פון קרוב אַכציק, אָנגעטאָן אין תכריכים, ער שאַרט זיך, אָנגעלענט אָן אַ רידל ווי אָן אַ שטאָק, און בלייבט שטיין אַ פאַרגאַפטער, ווען ער דערהערט אַ פויגל־טרעל. ס׳איז בלוטיק־שטיל. און גאַנץ אומגעריכט ווערט דאָס בילד באַגאָסן מיט לבנהדיקס.

ד ע ר י י ד :

ער זינגט ! דער פויגל זינגט. און איך —
דעם לעצטן קבר אויסגעגראָבן
פאַר זיך אַליין. איצט קען איך וואַרטן
מיט גרייטע שערבלעך און צוקאַפּנס
אַ זעקל ארץ־ישראל ערד.
כ׳וועל זיך אַליין די שערבלעך אָנטאָן
און זאָגן קדיש נאָך מיין לעבן.
נאָר שווערן שווער איך ביי די אַלע,
וואָס האָבן זייער לעצטן מאָלצייט
געגעסן פון מיין רידל : כ׳וועל
פון די מצבות ניט אַנטלויפן !
מצבות ! קינדער פונעם טויט,
כ׳האָב ליב אייך מיט מיין גאַרער ליבשאַפט.
מיט מיינע טרערן, וואָס קיין מענטש
האָט ניט געזען ביז איצט, באַפייכט איך
די אָפּגעקרישלט־אַלטע אותיות
אויף אייערע געפּלאַצטע הערצער, —
זיי זאָלן ווי מנורות לייכטן,
און אויסברענען מיט זייער שיין
די מערדער־אויגן וואו זיי לויגן . . .

---

* באַקומען די ערשטע ליטעראַטור־פּרעמיע, פונעם „פאַרבאַנד פון ליטעראַטן און קינסטלער אין ווילנער געטאָ״, אין פרילינג 1942.

כ׳וועל ניט אַוועק. דאָ איז מיין היים
און אַלע מתים מיינע אורחים.
איך בין דער היטער פון חלומות
וואָס ווייסן ניט קיין אַנדער וואָר.

ס׳איז שטיל. דער פויגל זינגט נאָך אַלץ,
ס׳איז הונגעריק מיין טרייע רידל.
און דאָרטן, אויף פּאָגאָרער בערג
פאַרקלאַמערטע אין סאַמע־אָרעמס
דער מאַרך פון קינדער־קעפּלעך שפּריצט
און קומט אַהער צו מיינע ליפּן . . .

און אפשר גאָר זאָל איך אַוועק
צו מיינע צאַנקענדיקע ברידער,
און זאָל דער קברן זלמן־בער
פאַרוואָרצלען זיך אין זייער שאָטן ?
מיין אינגעווייד איז שוין פאַרסמט
פון גריזשען די בית־עולם־קרייטער.
פון טעג באַהאַלטן זיין אין קבר
מיט שערבלעך אויף די אויגן : אפשר . . .
איך הער דאָס לוישפּערן פון טויטע —
די ווידערשפּעניקייט דעם לעבן . . .
דעם שטורעם־רוף צום ווידער־אויפשטיין
איז מוירער דער צעפוילטער שאַרבן.
און יעדער ביין זאָגט : ניין, שרייט : ניין,
דעם וואונדער, ער זאָל ניי־צעבליען :
„צו קליין די פרייד, צו גרויס דער ווייטיק
און ס׳גילטן מער ניט קיין געזעצן !״

(נאַכט ווערט ליכטיקער. די מצבות אַנגעטאָן אין לבנה־שיין ווי אין קיטלען, גליווערן באַוואַכטע מיט שאָטנס. די שאָטנס זיינען מענטשן־ענלעך, ווינקען איינער צום צווייטן. און ווידער דערטראָגט זיך דאָס אָוונט־ליד פונעם פויגל, וואָס גייט פאַמעלעך איבער אין אַן אָפּגעהאַקטן פרויען־געוויין דאָ ער־געץ פון דער נאָענט.)

ד ע ר י י ד :

געוויין? צי וויינט עס מיין נשמה?
איך הער אין גראָזן אַ געשאָרך,
אַ שלוכצעניש פון עפּעס אייגנס.
קען זיין, די שרעק האָט מיך געמסורט
און ס׳האָט אַ גזלן מיך באַמערקט,
באַמערקט און לויערט טויזנט־אויגיק
צום אומברענגען דעם לעצטן ייד,
וואָס איז פאַרבליבן נאָך אין ווילנע?
צוריק אין קבר, זלמן־בער,
דאָרט ביסטו זיכערער ביי זיך
אי מיטן טויט, אי מיטן לעבן . . .

(ער שאַרט זיך דורך, ווי אַ גייענדיקע מצבה צווישן די קברים און ציט זיך צו זיין באַהעלטעניש אין גרוב. ווען ער קומט, שטייגט אַרויס פון אינעווייניק אַ שניידנדיק פרויען־קול און פאַרשטעלט אים ווי אַ וואַנט.)

ד אָ ס ק ו ל :

ליב קינדעלע טייערס,
ניט איל זיך, ניט איל.
אין חלום אין האַרצנס
פאַרבלייב נאָך אַ וויל.

דאָרט ביסטו מיינס נאָר
ווי ס׳אויגס איז די טרער.
און אַנדערשוואו ביסטו
דעם טייוולס באַגער.

דו גאָלד פון מיין ליבע,
דו קרוין פון מיין בלוט, —
צו פרי נאָך, זאָלסט וויסן,
אַז אין קבר איז גוט . . .

ד ע ר י י ד :

ווער ביסטו, ווער? דערצייל. איך בין
אַ ייד. ניט שרעק זיך פאַר מיין אָנטאָן.
איך בין דער קברן זלמן־בער,

וואָס הויזט דאָ וואַכנלאַנג אין קבר, —
באַהאַלט זיך פאַרן טויט — ביים טויט.
ווי קומסטו דאָ, פונוואַנען, זאָג ?
און וואָס באַטייט אין גרוב דיין זינגען ?

דאָס קול:

אַ ייד . . . אַ לעבעדיקער ייד ?
כאַ־כאַ, כאַ־כאַ! און אפשר נאַרסטו
מיך אָפּ, און האָסט מיך נאָכגעיאָגט
פון דאָרטן, וואו דעם עפּלבוים
איך האָב געדריקט אין מיינע אָרעמס ?

דער ייד:

ניט שרעק זיך, פּרוי . . . איך בין אַ ייד,
באַהאַלט זיך דאָ שוין דריי חדשים
און היט די שטילקייט. רייד, ס'איז זיס
דיין שטים און קרעפּטיקט מיינע ביינער.
כ'האָב לאַנג שוין ניט געהערט קיין וואָרט,
קיין יידיש־מאַמעדיקס, קיין האַרציקס.
ווי רופט מען דיך, פון וואַנען קומסטו ?

דאָס קול:

מע רופט מיך רחל. ווער איך בין —
דאָס ווייס איך ניט. ס'איז ערגעץ אַנדערש
מיין גייסט, און איך בין ניט פאַראַן מער.
נאָר אינעווייניק אין מיין לייב
שוין צאַפּלט זיך און ברעכט די תפיסה
מיין צווייט, מיין אויסגעחלומט לעבן.
וואָס ווייסט ניט וואו עס ליגט זיין מאַמע
און וואו זיין טאַטע. —

דער ייד:

שטילער, שטיל.
אַ ביסל וואַסער נעם, זיי רואיק,
איך פיל אין מיינע אַלטע גלידער
נעמט שטראָמען גאָר אַן אַנדער ליכט,
אַ נייע גבורה ניט צום גלייבן !

ד אָ ס   ק ו ל :

. . . און דאָרט, אויפן טויטן־באַרג,
ניט ווייט פון גרוב, האָב איך געטראָפן
אַ פולן עפּלבוים, די זון
איז אין די עפּלעך פאַרגאַנגען.
איך האָב אַ שפּרונג געטאָן צום בוים,
זיך איינגעביסן מיט די ציינער
און ניט פון אָרט. עס האָט מיין קינד
געשטורעמט אין מיין לייב, געוואָרנט,
און כ׳האָב געפאָלגט. מיך האָט אַ מערדער
אַ ריס געטאָן, די הענט געשניטן,
און אומגעוואָרפן אויף דער ערד.
נאָר איך האָב אַלץ אין מיינע אָרעמס
געדריקט דעם בוים, געקושט, געביסן,
ניט אָפּגעלאָזט. און איבער מיר,
צוגלייך מיט קלעפּ און שיסערייען,
געפאַלן זיינען עפּל, עפּל,
אַ וועלט מיט גאָלדיק־רויטע עפּל
און אויסגעמישט זיך מיט מיין בלוט.
ביינאַכט. ווי פינגער אין אַ לאָדן

האָט אָנגעקלאַפּט אין מיר דאָס קינד:
„אַנטלויף!״ כ׳האָב און געוואַכט. דערנעבן
געראויכערט האָבן זיך די פעלדער,
באַגאָסענע מיט קאַלך. אין לופטן
געהאנגען זיינען נאָך די קולות
פון די פאַרשלונגענע. און העכער —
די שטערן — זייערע נשמות, —
דער פינקלדיקסטער — פון מיין מאַן.

כ׳האָב אָפּגעלאָזט דעם בוים. אַנטלאָפן.
און יעדער שוועל איז מיר געווען
אַ הונט. און ערגער נאָך די — מענטשן.
ביז וואַנען, כ׳ווייס ניט ווי אַזוי
איך בין פאַרקראָכן איצט אַהערצו
און טרעפנדיק אַ גרייטן קבר
אַריינגעוואָרפן דאָרט מיין גוף.

דער ייד:

אָ, טאַטע־פאָטער, ווי דו נערסט
מיט אַלע פּרואוואונגען מיין עלטער!
נאָר עפּעס ווער איך שטאַרק, ווי ס'וואָלטן
די אַלטע טויטע מיר געשאָנקען
די גבורה זייערע, וואָס קיינער
באַדאַרף ניט מער. דאָס קינד מוז לעבן
דאָס קינד, דאָס קינד. —

(די פרוי נעמט זיך וואַרפן אין קראַמפּן, ווי עמעץ וואָלט זי וואַרגן. די הענט שטרעקן זיך אַרויפצו אין אַ פאַרצווייפלטן געבעט. זלמן־בער פיבערט איר אַנטקעגן אין עקסטאַז און רייסט פון זיך די תכריכים.)

דער ייד:

זיי שטאַרק. דו מוזט געבוירן ס'קינד,
כ'וועל העלפן, כ'וועל . . . אים זיין אַ פאָטער.
כ'וועל אויסבעטן די גרוב מיט בלעטער
עס זאָל דיר וואַרעם זיין און היימיש . . .
פון מיינע קליידער די תכריכים
וועט סטייען ווינדעלעך און וויקלעך.
און מילך וועט געבן אונדז די ציג,
וואָס וואָגלט אום אויף דעם בית־עלמין.
דאָס קינד מוז לעבן,
לעבן,
לעבן,
ווייל ס'איז געזאָלבט פון גאָט אַליין
צו זיין משיח!
שופרות, בלאָזט
און פּראַלט איר ביינעריקע קברים!
נאָך יינגלווייז,
אַמאָל, אַמאָל,
האָט מיר פאַרטרויט מיין פרומער זיידע:
„דער האַר משיח וועט געבוירן
ניט דאָ, וואו אַלע מענטשן־קינדער,
פון טיפן קבר וועט ער קומען
כּדי שוין קיינמאָל ניט צו שטאַרבן".

ד אָ ס   ק ו ל :

אָ, מאַמע, וואָס דו ליגסט ניט ווייט,
דערבאַרעם זיך אויף מיר, דערבאַרעם!

ד ע ר   י י ד :

זיי שטאַרק, דו מוזט געבוירן ס'קינד,
זיי שטאַרק, ווי איך בין איצט געוואָרן
ביים זען די אויגן דיינע, באַלד
וועט ליכטיק ווערן אינעם קבר
און אויך אין האַרצן —

ד אָ ס   ק ו ל :

מאַמע! מאַמע!

ד ע ר   י י ד :

עס העלט. שוין רויטלט זיך דער מזרח,
און מיט דער קברים־נאַכט צוזאַמען
פאַרגייט מיין ציטערניש, אַצינד
באַדאַרף איך מער שוין ניט מיין רידל.
זי וועט אַליין נקמה נעמען
אַן גאַרער וועלט.
אָ! סאַראַ זכיה
אַזאַ געבורט דאָ צו דערלעבן,
אַזאַ געבורט!

ד אָ ס   ק ו ל :

מאַמע, מאַ —

(די שטים בלייבט אָפּגעהאַקט, קאַלט. פאַרגייט צווישן די מצבות. אַנ־שטאָט איר הילכט אַרויף דאָס קול פון ניי־געבוירענעם. זלמן־בער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, בייגט זיך איין איבערן קבר. ס'ווערט העלער, העלער, די מצבות צינדן זיך)

ד ע ר   י י ד :

געבוירן! ווי די זון געבוירן
אין קבר פון דער נאַכט, —
געבענטשט זיי!

און מזל־טוב דיר, מאַמע רחל,
און דיר דעם קברן זלמן־בער
און איך, איר נאָענטע און ווייטע —

(ער בלייבט ליגן ווי פאַרכישופט ביי דעם ראַנד פון קבר, באַלויכטן פון אַנטקעגנדיקן זון־אויפגאַנג. איין האַנט האַלט ער אינעווייניק. די צווייטע — אויפן שטערן. מיט אַ קול פון ליכטיקן נצחון זינגט ער:)

געבוירן דער וואונדער, געבוירן דאָס קינד,
אין הייליקער קראָפּעווע־גרוב, אין דער בלינד,
פאַר אייך איז דערווייל נאָך דער סוד ניט אַנטפּלעקט:
דאָס קינד ליגט אין שויס פון די מתים און לעקט
ווי מילך, דאָס געוויין פון זיין מאַמען.

און אַלע, וואָס וואָגלען און ווייסן ניט וואו,
און אַלע, וואָס זוכן אין פייער אַ רו, —
צי הײלט זייער חלום דאָס ליכט פון זיין שטים?
צי הערן זיי אים, צי באַשווערן זיי אים
און אָטעמען איין זיינע קלאַנגען?

נאָר ס'פילן אים גרעזעלעך אונטער דער ערד,
און זויגישע קינדער ביים אָנבליק פון שווערד, —
און ס'האַרץ פון אַ שטערן אומזינדיק און ריין
און איך, דער פאַרשטיינערטער קברן אַליין,
אין אַלע — פון אונטער די שטיינער!

(ווען ער ענדיקט זינגען, דרינגט אַרויף אויסן קבר אַ דינע מוזיק ווי פון אַ פידל. ס'איז דער קול פון דעם קבר־קינד אין צעבליטן באַגינען.)

12טער אַפּריל, 1942.